# שלום דער קאראבעלניק

## איינע אינטערעסאנטע ערצעהלונג

מאת אמ״ד.

ווילנא
בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם
שנת תרל״ז לפ״ק

ШОЛОМЪ ДЕРЪ КАРАБЕЛЬНИКЪ,
т. е.
Шоломъ Карабельникъ.
Разсказъ А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ,
на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ № № 327 и 328.
1877.



תבואות, און ער האט נאך דער געשיכטע געלעבט א יאר דרייסיג, וייער רוהיג, אלס ישובניק שוין. און וואר פון יענער צייט אן ווייער אשטראונגע אהאנט אויף צו הויבן אויף ווערטען, און פלעגט איטער צו זאגין, גבורה פאר א אידען. איז אזו א מתנה פון גאט. וואס ער קען דער פון גאר קיין געברויך מאכען. פאר קערט נאך, מען איז אימר הויך דעם אין שרעקען דאס מען זאל ניט ווערען אונגליקליך הויך איד».

לידער גייט עס מיט עשירות אויך ניט בעסער. דען ווער עס פאר שטייט ניט וויא אום צו גיין דער מיט, ווערט הויך דעם אויך אומגליקליך. וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט «דלא סוואר דענע קופיל סאבע הוראבע». אט אזו מיין פריינד דאס איז דיא אורזאך פון דיער פראזוויסקע «ניעדזוועדו». און אזו האבען אונזערע עלטערען דורך געלעבט כמה מאות שנה אונטער פוילען. ניט געלעבט נור געשלאפען. אדער בעסער צו זאגען נור געטרוימט פון דיא פערגאנגענהייט (דאס הייסט געחלומט פון דיא ענינים וואס עס וואר אמאל מיט זייא). ניט אבער געדיינקט צו פאר שאפען זיך איינע בעסערע צוא קונפט (קומענדיגע צייט). ווארען גליקליך ווען מען האט זייא געלאזט רוהען. צוא פרידען אלס זייא וואהען דאס. דער מיט אליין אבער דארף זיך קיין מענטש, פשיטא א גאנצע נאציאן זיך בעגעניגען. זאנסט איזט מען ניט מער פאר א שטיק פיה. און האבען אזו נאר פאר פוילען נאך פאר זאמט מאנכע גוטע געלעגענהייטען צוא בעסערען זייערען שטאנד. צוואר קומט עס אן פיל אן דער רעגירונג. דאך מוז מען זיך זעלבסט בעשטרעבען נאך בעסערעם: וויא אונזער תורה זאגט «עזוב תעזוב עמו» דוא זאלסט אים העלפען צוא הייבען דיא משא. נון הייסט עס נור העלפען, אבער ניט דאס מען זאל זיך פאר לאזען נור אויף דעם אנדערען.

1/68283

## 1.

### אײן פאר װארט צוא דער לעזער׃

אלס איך בין געװעזען געשעפטס האלבער (װעגען) אין
דער שטאדט (ק...) װאס ליגט בײא פאלעשע זאו איך האב
מיך פערזאמט אגאנצען מאנאט אין װינטערצײט , בין איך
אײנגעשטאנען בײא אײנעם בעל אכסניא װאס האט געהײסען
ר׳ װעלקע מערזװעדו׳ דיזער װאר דאן שױן אגרױסער זקן בערך
אבן שמונים , אונ דאך נאך גאנץ געזונד אונ פריש מיט אלע
חושים , דער צו נאך גאנץ מונטער װיא אײן יונגער-מאן , אלמן ,
אונ אגאנץ בראװער מאן אונ העכסט געשפרעכיג (דאס הײסט
האט ליב געהאט צוא שפרעכען מיט זײנע אורחים) , אונ ער
האט װירקליך געהאט פון װאס צו שפרעכען , דען ער האט
געהאט אײן גוטען געדעכטעניס (זכרון) , ער האט געדײנקט
װאס האט פאסירט דארט ביז אין זײנעם פינפטען יאר נאך
זײן געבורט , אונ געדײנקט אויך װאס ער האט זיך אנגעהערט
פון זײנע עלטערען אונ עלטערנס עלטערין , אונ װאר אלזוי אײן
לעבעדיגער געשיכטען דער צײלער פון מעהר אלס הונדערט
אונ זעכציג יאר , אונ האט דער צו געהאט אזוי אקראפט אין
רײדען דאס אלעס װאס ער האט דער צײלט װאר מיט אײנער
קלארהײט , אונ דײטליכקײט , אין אײנער בעשטימטהײט פון
דיא צײטען אונ שטעלען אונ פערזאנען װיא אײן עכטער
געשיכטשרײבער , אונ װײל ער װאר מיט אײנעם געזונטען
בעגאבטען פאר שטאנד , אונ קײן מגזם אונ דאהער אויך קײן
װאונדער דער צײלער , האב איך ליב געהאט מיט דיזעם מענשען
מאנכען װינטער אבענד צו פערברײנגען , אונ האב אלזוי זײער
פיל פון אים געלערענט . דאס איך קען זאגען מיט רעכט ,

דאס

TALL TALE OF A PEDDLER WITH MYTHICAL STRENGTH

Дозволено цензурою 6 Мая 1877 г. Вильна.

אינטערעסאַנטע טעלעגראַפֿישע פּרטים

דאס ער האט פאר מיר אויפגעמאכט דעם פארהאנג פון דער פערגאנגענהייט (פון דעם-זמן העבר) און האט מיר געלאזט זעהען וויא אונזערע ברידער האבין געלעבט אין ליטע, אין פאלעשא, אין וואליגען מיט אפאר יאר הונדערט צוריק אונטער דעם רזאנד פון פוילען,

און איך מיינע לעזערין. קען דיר דער פון מיט טיילען דא אין דיזעם ביכלייך נור איין עטוואס דער פון, און דיזע ווינציגקייט וועט דיר דינען אלס פראבע קארטע אויף דאס איבריגע, איך וועל דיר דער ציילען נור איינע קליינע ערציהלונג וואס איך האב געהערט פון אים וועגן זיין צונעמענעם „מעדזוועדו“ וואס איך האב אים דאריבער עטליכע מאל געפרעגט, דען עס וואר מיר דיזע פראזוויסקע זייער אויפפאלענד (הרושבדיג) דען אין יענע ערטער ווערט יעדער רעכטער בעל הבית גערופען אלץ אויף דער ווייבס אדער שוויגערס נאמען, למשל ר' יאסעל האסקעס, ר' ישראל שפרינצעס. ר' חיים גיטקעס פויגעס, ר' יודעל רייצעס, ר' שמעון שאהקעס און דאס גלייבען, און דאס איז נור ווייל דיא פרויען וואַרען דיא פירערקעס, און דיא מענער וואַרען בטלנים, זעלטען פלעגט מען אן צורופען מאנכע פאמיליען נאך דעם נאמען פון מאנכען דארף וואס זייערע עלטערין האבין אין אים אמאל געוואוינט, למשל אברהם שעלייקעסקער אדער דיא אראדזער, דיא קירקקער דיא קוצעוויצער.

1.

(שלום דער קאראבעלניק)

מיט דיזעם צונאמען „מעדזוועדו“ האט ער אנגעהייבען פארדרייבערענדיק זיין פיפקע איז פארבונדען אגאנצע געשיכטע, מיינער איין עלטער זיידע וואר איין קאראבעלניק

וואס



וואס ער האט געהייסען שלום גערופען אבער האט מען אים בלומקע*). עס זיינען הייגט אויך דא קאראבעלניקעס, דאך דיינען זייא ניט צו פארגלייכען צו דיא פארצייטיגע דען הייגטיגע זיינען שוין האלבע סוחרים, טראגען מיט זיך רעכטע סחורה, צעהערען זיך פון זייער אייגענעם פעניג. און זיינען זיכער אויף זייער וואנדערונג, מיט זייער פעקעל און מיט זייער לעבען, דען עס איז דאך דא איין געהעריגע רעגירונג אינ ארדענונג אין לאנד, פארצייטען וואר עס גאנץ אנדערש, דאמאלס וואר איין קאראבעלניק נור איין מין בעטלער וואס האט געוואלט אין דער כדינה מעהר גילטיגער זיין אלס איין געמיינער שנארער וואס ווערט בעהאנדעלט אויף דעם ישוב וויא איין אונגעבעטענער גאסט וואס מען וויל פון אים וואס צום גיכסטען לויז ווערען, און וואס מען פטרט אים אפט מיט אפארעוועו**) מיטאג. אקאראבעלניק אבער וואר האן איין ווילקאמענער (אנגומער) גאסט אויס פילען אורזאכען, ערסטענס ווייל ער האט געהאט סחורה אין זיין קערבעל פאר אלע מיטגלידער (צלענעס) פון שטוב, פאר דער באלעבאסטע האט ער געהאט אראבאק (שלייער), פאר דעם באלעבאס אלוהה, רצועות, בייגע און געניצטע, פאר דעם מלמד אכשרען ארבע כנפות. פאר דיא ערוואקסענע אינגלעך, סדורים. א"ב. דריידלעך, מגילעלעך מיט פאטרעטליך וויא המן פיהרט מרדכין, פאר דיא מיידלעך צינגענע פינגערלעך

מיט

*) דיא אלע אידעשע נעמען ווערען אין דיא קליינע שטעט פארדרייט, פון וואלף וועלקע, פון זלמן זאלקע, פון יצחק איצעלע, און דאס גלייבען.

**) דיזעם ווארט וואכסט פון דעם ווארט „פאראווטע“ גלייך דאס הייסט אזוי אמין שפייז וואס קען געניצט ווערען פיל גלייך מיט פלייש אדער מיט מילך, און דאס גלייבען איז מיט יעדער כלי וואס איז נאך ניט מילכיג און ניט פליישיג:

ELIJAH MOTIFS:

* VISITS A HOSPITABLE INNKEEPER
* GRANTS DIVINE POWERS TO A MAN WHO CANNOT USE THEM

מיט רויטע גלעקלעך, פאר נאר די פיצינקע קינדערלעך צינענע הייעלעך. קאמייעלעך. קאלקאווקארען, פאר די דינסט מיידלעך צינענע אדער מעסענע אירינגלעך פאר די שטוב גויה סקאפלערעס, פאר דעם יונג אתפלת הדרך, דער צו נאך מזוזות וואס זייא פלעגען על פי רוב אפצודרייסען פון די טירען, אויך פלעגט ער צו האבען פארטיגע שיר המעלות, אויך אנאנג פראטקעס, צווייטענס וואר ער דער ישובישער צייטונג בריינגער פון קשיה, פון דעם שבט דן, פון די עשרת השבטים, פלעגט צו דער ציילען מעשיות פון גלגולים, פון קלאגמוטער *) פון מלחמות, פון צדיק, מאנכער פלעגט נאך קענען אפשפרעכען איין עין הרע, צינער פארריידען, אדער אזוי גאר געבען אווארציל צו צאן ווייטאג. אויך פלעגט ער צו דער ציילען פון אליהו הנביא, דען אין יענע צייטען האט מען געגלויבט דאס זעלבסט פרומע ישובניקעס וואס לערנען ביי דער הארגע האבין גלוי אליהו, דען אין דער ווירקליכקייט ווארען אין יענע צייטען זייער פרומע ישובים וואס ווארען גרויסע לומדים און גרויסע מכניסי אורחים וואס מען האט זייא גערופען הלעבאדאוועצעס, דאס זייא פלעגען קיין איינציגען ריזענדען רייך צו ארעם נים לאזען פאר ביי פארען אדער פאר ביי גיין פאר זייער קרעטמע וואס זאל נים איינקערען צו זייא עסען און טרינקען, אזוי ווערט דער ציילט פון

איין

*) מען האט פאר צייטען געגלויבט ווען עס איז געשטארבען איינע שוואנגערע פרויא אין די ערשטע דרייא חדשים, און מען האט זיך פאר געזין איר מיט צוא געבין אין קבר ווינדלעך פאר דאס קינד, פלעגט זיא צוא קומען ביי נאכט אונטערען פענסטער ביי דעם קברות מאן אדער אהיים ווען עס איז נים ווייט געווען און פלעגט צוא קלאגין און וויינען דאס מען זאל איר געבען ווינדלעך, און דיזעס האט מען גערופען קלאגמוטער, אזו דום וואר מען אין יענע צייטן:



איך געוויסען (ישובניק ר' חיים אלעצקער) דאס וויא עס איז ער געקומען פרייטיג אין דער פריא פלעגט ער צוא שטיין אויף דעם וועג מיט א פלאש בראנפען און מיט א גרויסען לעקאח. און פלעגט דער מיט איבער געהמען יעדען רייזענדען אדער וואנדערער, און אריין נעהמען צוא זיך אין שטוב אויף שבת. איין מאל וואר איין רעגענדיגער טאג אום פרייטאג און עס וואר נים צו זעהען געווען קיין עוברים ושבים, האט ער זיך פון איינאנדער געוויינט, איז זיך אונטער געקומען פלעצליך וויא פון הימעל ארונטער געפאלען איין אלטער מאן, און ער האט אים אויף געהאפט וויא איין אבן טוב, און שבת צו נאכט איז ער צו אליהו הנביא זאגען פארשוואונדען געווארען, אלזוי וואר עס געוויס אליהו הנביא, און ווידער האט מען דער וויסט דעם לייטער וואס ער האט געדארפט אויפהערען צו גיין נאך אום פרייטיגצו נאכט נייענדיג נאך אום שבת צוא נאכט, און אויך האט נים געמינערט פון דער קייפעל בראנפען וואס די נוויעסקע שיינקערקע האט אום געשיינקט איבער שבת *):

און די ישובים האבן דאן געקענט זיין זייער לייבט גרויסע מכניסי אורחים ווייל עס וואר אנגריסער זול אין לאנד, און דער צוא ווארען זייא אליין עובדי אדמה, אלזוי פון עסען און טרינקען וואר קיין רייד, און ווארען אלזוי געווען אלס עס איז צוא זייא געקומען אזוי איין פיל זייטיגער מענטש וויא איין

קאראבעלניק

*) פון דיזער ר' חיים אלעצקער ווערט דער ציילט א שיינע אנעקדאטע (געשיכטעל) וואס ענטהאלט אין זיך א זייער שיינע לעהרע, עס ווערט דער ציילט דאס אליהו הנביא האט צוא אים געזאגט "דוא ביסט ביי גאט אין גרוים אכטונג אלזוי בעט נור וואס ביי אים (לבד נים דאס משיח זאל קומען) וועט ער דיר עס טאן" איך פערלאנג מער נים האט ער אים געענטפערט "דאס עס זאל זיין איבער מיינע פעלדער רעגען

קאראבעלניק איז, אונ וואר אלזוי איבער אל וויא צוא הויז, וויא איין שטוב מענטש, ווער רעט פון געלט נעמען בייא אזו איינעם, ער האט דארט נעגעסען אונ געטרונקען מיט דער ווירטשאפט צוא זאמען אונ מען פלעגט זיך בייא זיינעם שיידען ווינצען זיין באלדיגען ווידער קומען, נאך מעהר נאסט וואר ער וואו עס ווארען דער וואקסענע מיידכען דען ער וויאס האט געקענט דעם גאנצען געגענד וויא זיין אייגענעם הויז האט געוואוסט שוין צוא פאסען שידוכים, אונ וואר אלזוי ניט נור געליטען בייא יעדען ישובניק נאך זעלבסט זייער ווארעם אויפגענומען, אונ האט זיך אלזוי געלעבט דער ווייליע וויא איין בעטלער אויף דעם אנדערענס רעכענונג:

אונ אזו אויך איז אים ניט שלימער גיגאנגען אויף דיא דערפער בייא דיא בויערין דען ער האט געוואוסט זיך דארט אויך נייטיג צוא מאכען, ערסטענס האט ער געבראכט אימער מיט זיך אקליין בערילקע פון אטאס מיט בראנפען. פלעגט אויס צוא טיילען נאדלען שפילקעס נאר אומזיסט, דער פאר האט ער באקומען באלד הייפלעך חזיר האר, הייפלעך פלאקס, קנעלעך אדער פלאצקעס וואקס, אונ דער נאך האט ער אויס געקראמט זיינע סחורה, קליינע שפיגעלעך, שטיינגעס, פאצערקעס, שפאנקעס, ציגערנע קרייצען, קליינע הייליגע בילדער, שפינהלעך, לייווענטענע בלאע טיבלאך, דעה פאר האט

אונ פאנארע נאך מיינעם געהיים (דאס הייסט ווען ער וועט הייסען). אונ דאס זאל עס דיר געשעהען האט אים רעב אליהו הנביא געענטפערט, נין וואס האט זיך דער פון אויסגעלאזט, דאס אלס כען האט שוין בייא אלעטען דיא פעלדער אבגעשניטען, האט נאך זיינע קארען ניט געבליהט, איין בעווייז דאס מיר מענטשען פאר שטייען נאר ניט וויא דיא וועלט צוא פיהרען.



האט מען געצאלט מיט דעם בארען גראסען אונ מען האט אום בעווירטעט מיט געבאקטע אייער, מיט האניג, מיט מילך, אונ מען האט אים אפגעראמען דעם גרעסטען בעסטען ארט צוא שלאפען, צווייטענס האט ער פאר זייא אויך געהאט וואס צוא דער ציילען, אונ וואס צוא ראטהען, דען ער איז געוועזן דיא איינציגע פערזאן וואס זייא פלעגען אום צוא גיבען פאר אים זייער ביטער הארץ אויף דיא פריצים זייערע, אויף דיא גלחות, אונ פלעגט פון זייא געוואר ווערען אלע הטאים וואס עס טוט זיך אין הויף בייא דעם גלח, בייא דעם אקעסאר, אונ האט אזו געוואוסט פון אלע געהייבנים פון דעם גאנצען אומגעגענדען, אונ פלעגט צוא מאכען דער פון אויך אגראסען:

דאך בייא אלעם דעם וואר ער ניט זיכער ניט מיט זיינעם לעבען, אונ ניט מיט זיין ביסעל ארעמקייט, ערשטענס ווייל עס וואר דאן גרויסע ווילדניס, וועלף אונ בערען פלעגט מען בעגעגענען אונטער וועגענס פיל מעהר וויא היינט פייגלעך אין דער לופטען, אונ פיל מעהר אלס איינער פון אזעלכע וואנדרער האבען זיך שוין ניט אומגעקערט אהיים דען זייא ווארען איין אפפער פון דיזע רייסענדע טהירע (חיות), צווייטענס ווארען דיא וועגען זייער שלעכט, זומפיג אום זומער, פאר ווייהעט אום ווינטער, קרעטשמעס גאנץ זעלטען, אונ דאהער פלעגט צוא טרעפען דאס פילע פון אזעלכע לייטען פלעגען פארפרארען צוא ווערען אדער גאר דער טרונקען ווערען, דען דיא בריקען ווארען אלט, שוואך, פערפוילט, אונ בייא דעם מינדעסטען נעגעוויטער נאר אראפ געטראגען ווערען, דריטענס ווארען אין דונקעלע וועלדער וואס פלעגען זיך צוא ציהען פון ביידע זייטען וועגען פול מיט רויבער, מיט מערדער, פון צויינער, פון אנטלאפענע בויערען, זעלנער וואס מען וואר ניט זיכער מיט דעם לעבען אונ ווער נאך האט אזו פיל געליטען דער פון אלס דיא קאראבעלניקעס.

פאר איין ביא שפיל דער צוא מח איך אייך דער ציילען איינע שיינע בעגעבענהייט וואס עס האט געטראפען דיזעם עלטער עלטער זיידען מיינעם וואס ער האט געליטען אין איינער נאכט פון דיזע אלע דרייא זאכען אויף איין מאל, איך וויל עס אייך ערצייהלען ווען אויך עס איז ניט זייער שייך צו דער אורזאך פון מיינער פראזוויסקע „ניעדזוועדז“ נור וויל עס איז ניט ווייניגער ווערט צוא הערען, אלס מיינער הויפט ערצייהלונג, אונ איך האב עס געהערט פון מיינעם זיידען אונ פאטער עטליכע מאל אונ אלץ מיט דער זעלביגע נייע גירדע (חשק) וויא צום ערסטען מאל, איהרער זעלטענהייט וועגען :

## 2.

### „דער פוסטער מילכבעל“

דיזער גרוים פאטער מיינער וואר א גרויסער גבר, ער פלעגט אקופערנעם גראפען מיט איין פאץ אריין האקען אין טיש, אפאטקעווע פלעגט ער צוא ברעכען וויא אנראסענעם בייגעל, איין מאל האט ער איינגעהאלטען דעם קאטיסערס בריצקע וואס ווארען איינגעשפאנט אין איר א פאר אגערעם אלס דער קאטיסער איז געזעסען איבערווייניג. אונ זייא האבען זיך פון איינאנדער געיאגט, עס וואלט געווארען פון אים פאר געווים דרוזגעם ביינער ווען מיין גרוים פאטער וואלט ניט אנגעהאפט דיא בריצקע פאר דיא זאדנע רעדער, אונ דיא בריצקע איז געבליבען שטיין וויא אמאל דיא זן דורך דעם יהושע׳ס, דער קאטיסער האט אים געדאנקט, האט אים געשיינקט פלאצאווע פון זיין שטוב אויף צעהען יאהר, דיזע נאבע נאטעם (מתת אלקים) דאס הייסט כח גבורה וואס ער האט אים געגעבען האט אים אבער מעהר געשאדעט אלס גענוצט, דען ער האט געהאט דער פון גרויסע צרות, אונ איר האט ער צו פערדאנקען אויך דעם נאמען „ניעדזוועדז“.

דען



זייענדיג אמאל אונטערוועגענס אין אקריסטליכע קרעטשמע, האט אים איין געווירסטער וואוים גבין באלזען ארעפ געווארפען פון דעם באנק אויף וועלכען ער האט געשלאפען אום צו ווערצען זיך דארט, ער איז ארעפ געפאלען זייער הארט, גוט זיך צו שלאגען, דער צו נאך האבין זיך אלע בויערען זייער שטארק פון איינאנדער געלאכט, אלזוי גענוג אורזאך דאס מיין גרוים פאטער איז געווארען צארניג אונ האט דער לאנגט דעם וואוים גמין אפאץ דאס ער איז געפאלען וויא אשנאפ צו דער ערד. אונ דיא בויערען וואס האבין שוין פארשטאנען פון פיק וואס פאר איין ענדיק ער איז זייען זיך פערקראכען יעדער אין אבעזונדער ווינקעל, אונ מיין גרוים פאטער וואס איז באלד צום פארשטאנד געקומען, האט אויף דער שטעלע אפ געבויט, אונ האט שוין ניט געווארט ביז יענער וועט אויף שטיין, דען ער האט געוואוסט דאס ער וועט זיך שוין דאס ניט נאך דער ווארטען :

ער איז געלאפען מיט דער שטעג פון איין פיסטען מילכבעל וואס וואר שוין גאנץ פאר וואקסען, דיזע מילכבעל איז געשטאנען אויף אקליין וואסערלין וואס האט געדרייעט זיין איינציגעם רעדעל, אבער אזוי שנעל דאס דער מילכבעל פלעגט אין טאג אפ צוא מאלען מעהר אלס איין אנדער מיל פון צוויא שטיינער אין צוויא טעג, וויל דער וואסער וואר זייער שטראמיג, אונ וויל אויך דיא מאבאניק פון דיזעם קליינעם מילכבעלע וואר זייער קלוג, אונ אויך זייער מאסיף (שטארק) אונ זייער קינסטלאך געמאכט, דער המון עס אבער האט געגלייבט דאס דעם מילכבעל האט געמאכט אכשף, אונ מען פלעגט צו דערצייהלען פון אים שרעקליכע שבאבעטעם אלס ער וואר נאך אין גאנצען, אונ בפרט אלס ער האט שוין אין געהייבען צוא פוסטעווען, קודם כל דבר פלעגט מען דער ציילען דאס אלע נאכט ווערט דארט געווארפען שטיינער, צווייטענס קומט אלע נאכט דער מאבאניק אדער

דער

דער מילנער וואס האט דעם מיל געבויט און וואס ער איז
שוין טויט מער אלס פופציג יאר און וועהעט ארום די רעדעל ,
דעם שטיין , און ער מאלט פון זיך אליין פון עלפען ביז
צוועלפען , און וויהע דאן דעם וואס עס גייט דאן אריין אין
מילכעל אדער אזוי גאר פאר ביי דען מען ווערט פאר טויבט
פון רוישען , און מען זעהעט זיך אן אזוינס וואס מען זאל עס
ניט זעהען , זעלבסט די פיש וואס קומען אריין אין דעם
קליינעם סטאוו בלייבען בעצויבערט און קענען פון יענעם ארט
ניט אוועק גיין. און אזוי אויך האט מען געפונען דארט פארשלעפטע
קינפעם קינדער פארמאטערטע , קורץ דער פון דער מילכעל
איז געשטאנען אין איין זייער שלעכטען בערוף , און מען האט
אים אנגעהייבען אויס צו טרייבען , ווי איין גנב טרייבט אויס
דעם אכמראג , און ווי איין בעל עבירה דעם גוטען אידען , און
דער מילכעל איז געבליבען שטיין , און די ווענטע צוא אים
פאר וואקסען און ווילד , און דער בריקעל וואס איבער דעם
מיבעל וואר האלב איינגעפאלען , און וואר שוין פארגעסען
פון דער גאנצען אקאלעצע (נאכבארשאפט) :

נון צו מיינער שאנדע מוז איך געשטייען (מודה זיין) דאס
מיין דיזער עלטער זיידע האט ניט ווייניגער געגלויבט אין
דיזע שבאכטעם ווי אלע אנדערע , און האט אלזוי ניט
געהערט צוא יענע וואס דאבין דעם פאלווער צום שיסען
ערפונדען און אויך ניט די חכמה פון דרוקעריען ניט אויס
געטראכט , און האט פחד געהאט פאר די ערטער וואס דארט
(ווי מען האט דאן געזאגט) דרייען זיך אום שדים ,
מאזולקאלאקעס*) , מתים , זמייעס , און האט גלייבען , און אלט
ער

*) מען האט פאר צייטען געגלויבט דאס מכשפים קענען
זיך פאר שטעלען פאר משוגענע וועלף , און פאלען אריין אין
אוצארנעס און הינדשטאלען און ווערגען אויס די שעפסען



ער פלעגט צוא גיין פאר ביי אבערגעל מיטט פלעגט
ער אשפייא צוא טאן און זאגען דא האט איר אויך אייער
חלק , און דאך ביי אלעם דעם אזוי ווי איין שטארקער
פייער לעשט דעם שוואבערען פייער אזוי לעשט איין גרויסער
שרעק דעם קלענערען שרעק , פירכטענדיג זיך פאר מאנדזעמקע ,
האט ער זיך שוין פארגעסען צוא שרעקען פאר די רוחות
און שדים , און פאר דעם געשטארבענעם מילנער , וואס
שאטייען זיך ארום דעם מילכעל , ער איז געגאנגען מיט
שפארקע טריט , איז אריבער דעם בריקעל , און קיין טייוועל
האט אים וואס צוא לייד געטאן , דאך אבער ווי ער איז
געקומען לעבען מילכעל האבין זיך ארויס געלאזען אשטייע
וועלף פון דעם בערגעל וואס וואר אנטקעגען אים און האבין
אים געשפארט דעם וועג , דאס ער וואר געצוואונגען צוא
בעהאלטען זיך אין מילכעל , אין אפוסטען קאסטען וואס וואר
נאך מיט אגאנצע דעק , און האט זיך דארט פארמייעט ,
און די וועלף זייען מוז נאך אים דורך געלאפען דורך דעם
מילכעלע , די סאמיצע פאר אויס און זיא אלע נאך איר ,
און ער איז געבליבען ליגען אין קאסטען האלב טויט פון
שרעק און אנגסט , די פיס ווי אונטער געהאקט פון לייפען
און פון גרויס פחד , קוים אבער האט ער אנגעהייבען צוא זיך
צו קומען , און אזוי ווי איין עטוואס איך צוא שלומערען , האט
ער דער הערט איין שווישצען און דער צוא נאך איין גערודער ,
נון פאר שטיים זיך דאס עס איז אים די דמים איין געפאלען , און
וואר

און די בהמות , פאלען אן אויך מענטשען און צוא בייסען
זיא , איינע געשיכטע פון אזוי איין וואוקעלאק קומט פאר אין
דעם ספר שבחי בעל שם טוב , אויך האט מען געגלויבט אין בלוט
זייגערס דאס טויטע זייגען אום בלילה נאך דער קבורה און זייגען
אויס דאס בלוט פון די מענטשען וואס זיא בעגעגענען :

וואר שוין ביא זיך בריים אריין צוא פאלען צוא אין דער האנד פון סאנדזשעמסקע צוא אין דער האנד פון דיא שדים , לסוף האט זיך אבער אוים געלאזען דאס עס וואר קיינע שדים אונ נים פון סאנדזשעמסקע , עס ווארען גלאט אבאנדע אסוסטען , דען עס זיינען אריין אין מילבגל ניערע צוואנציג ציגיינער , אנטלאפענע קנעכט , זעלנער , היידוקען פרויען , מיידכען , וויא האבען באלד אנגעצונדען עטליכע ליכט , האבען געמאכט אפליים פייער אום צוא ווארעמען זיך אונ צוא קאכען , דען זייא האבען געהאט פון אלעם נוטען מיט זיך , האבען געטרונקען שנאפס געזונג , געגעסען געזונג , געשטיפט געזונג , אונ זיך געלייגט אוים הויכען ארום פייער אונ צווייא פון זיך האבען זייא געלאזט שטיין ביא דער טיר אלס שילדוואכען (קאראוליען) , אונ אלס עס איז געווארען ווידער רוהיג אין מיל האט מיין גרוים פאטער צום אומגליק נים ווילענדיג אנאס געטאן , אונ דיא גאנצע חלאסטרע איז געווארען העכסט אונרוהיג דער פון דען וויא האבען געמיינט דאס כען פאסט זייא דא אויף , אונ האבען אלזוי אנגעהייבען דורך צוא זוכען דעם גאנצען מילבעלע , אונ האבען דערוויסט מיינעם גרוים פאטער , האבען אים ארוים געשלעפט פון קאסטען , האבען אים געשטעלט אין מיטען , אונ האבען אנגעהייבען אוים צוא פארשטען אים זייער שטריינג ווער ער איז וואס עס איז דא זיין טאן , ער האט זייא דערציילט דיא אויפריכטיגע ווארהייט • איך הייס שלום דער קאראבעלניק • האט ער זייא געזאגט , איך בין אנטלאפען פון דער קרעטשמע וואס איז נור איין האלב מייל פון דאנען ווייל איך האב דארט דעם וואוים געמיין אפאץ געטאן אונ האב אים דער מיט צו דער ערד געשטרעקט פון וועלכע ער וועט שוין נים אויפשטיין (וויא איך מיין) • דען איך בעווייצע אין מיינע הענט אזוי אקראפט דאס איך קען איינגען בוים מיט איינעם צוקף פון גרונט אוים רייסען , אונ בין אלזוי פון דארט אנטלאפען , אונ האב

מיך



מיך דא בעהאלטען ווייל עס זייען מיר אנגעלאפען אשטייגע וועלף •

גוט !״ האט זיך זייער הויפטמאן אפגערופען״ ביא אלעם דעם קענען מיר דיר נים אזעלכע לאזען אלעבעדיגען , דען מיר פירכטען דוא וועסט אונז אוים געבען , אלזוי האסט דוא פאר זיך צווייא וועגען , ענטווער געהאנגען צוא ווערען , אדער צו צו שווערען אונז דאס דוא זאלסט ווערען איינער אמרייער קאמאראד , דען מיר ברויכען צו האבען אזוי אהעלד וויא דוא ביסט אין אונזער קאמפאניע , אונ דאס דוא מוזט אונז פריער איינע פראבע צייגען פון דיינער קראפט , אונ מוזען אונז אויך פריער איבער צייגען (וויסען אויף קלאר) דאס דוא האסט אונז קיין ליגען געזאגט .

״איך וויל נים געהאנגען ווערען״ האט ער אים געענטפערט״ איך וויל זיין טרייער דיינער ווערען , ווייל איך האב מיך נים וואו אומצוקערען , דען וויא איך וועל נור אריין פאלען אין דיא הענד פון סאנדזשעמסקע פארלירע איך מיין לעבען , אונ אפראבע פון מיינע קראפט קען איך אייך שוין ווייזען .

אונ אזוי רייטענדיק איז ער צוא געגאנגען צוא דער מיל ראד וואס איז געשטאנען שוין פון כמה יאר אונ וואר גאך דר ביא גאנץ גיזונד אונ האט איר אנגעהייבען צוא דרייען מיט איין האנד דאס עס האט זיך אנגעהייבען צוא דרייען דיא שטיינערנע אונ דער מיל שטיין אזוי וויא עס וואלטען זייא צעהען סאק רותות טראגען אונ דאס עס זייען פונקען געפלויגען •גאך האב איך עס אין מיינעם לעבען נים געזעהען״ האט זיך אפגערופען דער אויבערבאנדיט״ אלזוי ביסטו גאנץ געשאפען צוא זיין אצלען פון אונזער באנדע דען נור אין אנדערע געשעפטען קאנסטו דיינע שרעקליכע קראפט בענוצען מיט נוצען , אין דעם שטאביקען לעבען אבער , וועט זיא דיר גאר נים אין טראגען , פאר קערט נאך דיא וועט דיר נאך שאדען , דען דוא זעהעסט דאך דוא האסט איינעם נור איין העכטען אונ געזאגליכען פאץ געטאן ,

אונ

און דוא ביסט שוין דער פאר אין איין געפאהר געהאנגען צוא ווערען. „און איך טוא עס גערען“ האט ער אים געאנטווערט, און דער אויבערבאנדיט האט אים טראקטירט מיט אגוטע גלאז שנאפס, און האט אים הער ביא דיא האנט גערייכט, און האט זיך אריין געלאזען מיט אים אין אטיפען געשפרעך. איבער זיין לעבען געשעפט. דען ער וואר אליין אפאלאק אשלאכציג פון דער אלטע צייט אזוי גאר וואס האט ערמארדעט אמאן פון איינער דאמע וואס ער האט זיך אין איר פערליבט. און דער ביזא וואס נאך בייזעס געטאן, און איז אנטלאפען פון דער האנט דער גערעכטיקייט, און איז געווארען אלזוי איין הויפט מאן פון איינער באנדע (שייקע) רויבער און דיבע. און וואר אלזו פאלעדעווע פון דער רעגירונג שוין מעהר אלס איאר, ער האט אים דער צוילם דאס זיין באנדע וואר גרעסער, און דאס ער איז איבער געפאלען איבער גרויסע הויפען, איבער קליינע שטעט, נור אין איין ארט האט ער פילע לייט פארלארען ביא איינעם גרויסען קלויסטער וואס עס זייען דארט געשטאנען אשווארדאן הולאנירים עס וואר דארט איינע בלוטיגע שלאכט, דאס פיל פון ביידע צדדים זייען געפאלען, און אטייל פון זיינע לייטע זייען אויך געפאנגען געווארען און אויפגעקניפט געווארען, נון וויל ער זאמלען איצונד נייע קרעפטע און אפ ציהען זיך איבער ווינטער אין דיא פינסטערע וועלדער פון פאלעשע.

ער האט נאך ניט געענדעט זיין געשפרעך מיט מיינעם גרוים פאטער, דער הוילע איז געקומען צוא אים איין יונגער בוער מיט איינער געהיימע נאכריכט, דען עס ווארען פילע פון דיא בויערען וואס זיצען פאראיינצעלט (יעדנא שעדזיין) אין דיא וועלדער מיט אים אין בונד און ווארען זיינע שפיאנעס און פלעגען אים ברייגען קלארע נאכריכטען פון אבלאוועס וואס מען וויל מאכען איבער אים, און וואו עס לוינט איבער צוא פאלען ביא נאכט, און אגב האט ער אים דער ציילט אויך





פון דער געשיכטע וואס וואר אין קרעטשמע מיט דעם וואוטשגין דאס אקאראבעלניק האט אים נור אפאץ געטאן און האט אים דער מיט געשטרעקט צום בארען (צוא דער ערדע) און ער האלט ביא דעם שטארבען.

„נוא פרייט מיך“ האט זיך אפ גערופען דעם אויבערבאנדיט צוא מיין גרוים פאטער „אלזוי ווייס איך שוין דאס דוא האסט מיר דיא ווארהייט געשפראכען, און אלזוי בלייבסט דוא מיינער וא אזוי אמענטש וויא דוא ביסט וועט ביא מיר שוין ווייט קומען, און אין אפאר שטונדען ארום וועל איך מאכען דיא ערסטע פראבע מיט דיר, דען דיזער חלאפעץ האט מיר געבראכט אגוטע נאכריכט וועגען אדייכען שלאכציץ, דאס מען קען ביא אים בעקומען פון אלעם גוטען אין דיזער נאכט, ווייל ער אליין מיט זיינע קינדער זין און איידעמס זייען אויף איינער האבצייט (חתונה) אפאר מייל פון דער היים און דיא פאראבקעס זייען אלע פארפיאנעט:

קורץ גערעט אין אפאר שטונדען ארום, האבין זיך זייערע זעקס גוט געוואפענט, מיינעם גרוים פאטער האט מען נור געגעבען אקורצע פיקע און זייען אוועק מיט דעם אויבערבאנדיט אין וואלד אריין, און האבין זיך דארט דורך געשניטען דורך קליינע צעסקעס וואס עס גייען דארט וועגען ניט וועגען בויערישע פוסגייער, ביז זייא זיינען געקומען צוא אקליינעם פולווארעק, דער הויפעלע וואר ארום געצאמט, דער טויער פאר שלאסען, עס וואר שטיל דארט וויא אין אגראב (קבר), קיין האן האט געקרייט, קיין הונט האט געבולען „גוט“ האט זיך אפ גערופען דער הויפט מאן „מיר זיינען געקומען צוא געלעגענער צייט, אלזוי ברידער געשווינט צוא דער ארבייט, דאך מיינט ניט דאס מיר וועלען דא אוצרות בעקומען, נין דאס בארעם געלט האלט דער קאנאליע אין שטאט ביא איינעם יודען אויף פראצענט, מיר וועלען דא אבער בעקומען וואס עס איז אונז נייטיגער אלס געלט, דא אויבען אין דער אויבערסטע שפייזארניע

היינט זייער פיל פאלצעס הזיר, וואורסט, געוויאנדעלטע גענז, זייער פיל קעז. פאסקעס פוטער, גרויפענס מעהלין, ברויטען, אויך שנאפס אנאנצער אנקער, דאס מוז אלץ אויסגעראמט ווערען, אונ אריין געלייגט ווערען אין אשליטען וואס שטייט אויף דעם דווידזינעץ, אונ מיט געשלעפט ווערען, אונ ווען מיר וועלין בעקומען דער צוא נאך אפערד, אם בעסטען.

באלד דארויף איז ארויס געהייבען געווארען אהאלבער טויער, אונ מען איז אריין אין הויף. ביא דעם טויער וואר די פעקארנע, עס האבען דארט געשלאפען די פאראבקעס, אויך איינינע בויער מיידכען, אונ האבין געהאפעט וויא איין גאכטוועכטער, דאס מען האט געקענט פון זייערט ווענען צוא טראגען דעם גאנצען הויף. די הינט ווארען מיט אמאג פריהער צוריסען פון אשטייע וועלף, האבין זיך דאהער גאנץ אונגעשטערט בעזוכט אלע הייזער, אויך די שטיגעם האבין אבער גאר ניט דער ווייסט וואס זאל נוציג זיין פאר זייא, דען דער שלאכציץ מיט די קינדער האבין מיט זיך גענומען אלע גוטע זאכען אויף דער חתונה בפרט נאך גאר די פערד. עס איז מער ניט געבליבען אין שטאל איינע אלטע קאבילקע אונ דיזע האבען זייא איין געשפאנט אין אפראסטען שליטען אקליינעם וואס זייא האבען אים דער ווייסט אויף דעם הויף ריכטיג וויא דער פויער יונגע האט פריער בענאכריכטיגט, נון אלזוי טוו צוא דער אויבערהטע שפיזארנע וואס איז געשטאנען אויף יאשפייכלער, עס וואר זייער שווער געווען צוא צו קומען צוא איר, דען דער ארויף גאנג אין איר איז געווען פון שפייכלער אונ דער שפייכלער איז געוועזען מיט אהויכען געמויערטען פונדאמענט אונ מיט איין אייזערנע טיר זייער שטארק פאר רינגעלט אונ פאר שלאסען, אונ מיט האקען אונ ברעכען וואר קיין פלאן, ערסטענס עס וואר שוין ניט ווייט צו טאג, אונ צווייטענס וועט ווערען דער פון אלארעם דאס עס וועט קענען אויפוועקען וועלבסט איינעם טויטען פון שלאף, דאהער איז געבליבען ביא דעם אויבער



באנדיט, דאס מען זאל אריין קריכען דורך די באלאנקע (קליין פענסטעריל) וואס איז אויבען אין די שפעזארנע ביי א דעם שפיץ, מיט דיזעם כבוד האט דער הויפט מאן מכבד געוועזען דעם גרויס פאטער, מען האט ארויס געשלעפט פון דעם גארטען צוים צווייא גרויסע פלעצינעס (דראנגען), אונ מען האט זייא אויבען צוא זאמען געבונדען נאקשיז, אונ מען האט אים דאמיט אויפגעהייבען אין דער הייך ביז צו דער באלאנקע „אלזוי פאנע שלום“ האט ער צוא אים געזאגט „קריך אריין אינעווייניג אונ ווארף ארונטער אלס וואס דוא פארשטייסט וואס אונז נייטיג איז, געוואוינע דיך איין אין דיזער ארבייט, אונ נאכהער וועלען מיר דיך ארונטער נעהמען, אונ פראזדראוולאיען דיר מיט דיזער גוטען האנדווערק“.

מיין גרויס פאטער וואר געהארזאם, ער האט אויסגעראמט וואס דארט איז געוועזען פון אלעם גוטען, לבד עססענווארג וואר אויך עטליכע גוטע פעלצען, שערמאעס, אונ אונטען האט מען עס אלץ איינגעפאקט אין דעם שליטען „אונ אלס ער האט ארויס געשריען, „עס איז שוין מער ניט דא“ האט ער בעקומען צום אנטווארט“ געשווינט שפרינג ארונטער, דען עס איז קיין צייט דא ארונטער צוא נעהמען דיך, מען פארט צוריק פון דער האכצייט“, אונ צו זיינעם לייד וועזען (קריינקונג) האט ער ביי זיינעם ארויס קוקען דורך דער באלאנקע געזעהען וויא די באנדע האבין זיך מיט דער פוראבנעטראגנע צום וואלד צוא, אונ פון דער אנדערע זייט פארען איין גאנצע באנדע שלאכטעס מיט די חתונה לייט אהער, מען זינגט, מען שפילט, מען שיסט, ביא דעם טויער האט מען אויסגעטאנצט אקאקאראהאד, אונ מען וואר דער צו אקאפעצקע שכור אויך דאס קיינער האט ניט בעמערקט דאס עס איז אויס געהויבען דער טויער פון זיינע אנגעלען, נון קען מען זיך שוין פארשטעלען וויא עס וואר הדאן צום מוטה דעם גרויס פאטער, ארויס שפרינגען דורך דעם באלאנגע וואר עס איינע האלדזברעכענדע ארבייט, אונ

same adventure elsewhere

צווייטענס איז עס שוין צו שפעט, דען דער הויף איז פול מיט מענטשען, דארט בלייבען איז אויך קיין פלאן, ער וועט געוויס ערגריפען ווערען, אונד וועט אלזוי געשלאגט ווערען אין איינער נאכט פאר א מערדער אונד פאר א דיב (גנב), אין דעם איז געווארען אויף דעם הויף שוין רוהיגער, אלע זייען אריין אין די הייזער, אונד דאן האט ער דער הערט ווי מען שליסט אויף אונטען דעם שפייכלער, אונד מען הייבט אן צו גיין פון דארט אויף די טרעפ פון דער שפייזארנע, אלזוי ווער אים דאן צייט אונד ראט העכסט טייער, אונד איז געפאלען אויף א גוטען איינפאל, ער האט אנגענומען ביידע הויפענס פול מעהל אונד האט זיך געשטעלט לעבען טיהר אונד ווי נור זיא האט זיך געעפענט אונד עס איז אין איר אריין געגאנגען די שלאבצענקע האט ער איר פערשאטען ביידע אויגען מיט מעהל, אונד האט זיך ארויס געהאפט פון דער שפייזארנע, אונד אראפ פון די טרעפ וואס צום גיכסטען, אונד איז ארויס פון שפייכלער, אונד פון הויף דרויסען אונד אין וואלד, אונד זיא וואס וואר דער ווילע ווי געבלענדעט, איז געבליבען שטיין אויף איר שטעלע זייער צו שראקען דאס עס האט איר אפ גענומען די שטימע, אונד עס האט גענוג געווערט ביז זיא איז געקומען ווידער צו זיך דאס זיא זאל קענען שרייען, דער ווייל איז ער אוועק טיף אין וואלד, אונד דארט איז ער געגאנגען וואו זיינע פיס האבען אים געטראגען דען ער האט ניט געוואוסט וואו הין זיך צו ווענדען, אונד אין אזו גייענדיג אריין געפאלען אין א וואלף גרוב*) אונד האט אין איר דער וויסט איין געפאלענעם וואלף, אונד האט

אזוי

*) דאס איז אזוי א גרוב וואס עס גראבען אוים די יעגער זייער טיף אונד פערדעקען אויבען מיט יעלניק. פארשארען עס אונד בינדען אן דער בייא אדער דארויף איינע ענטע (קאצקע) וואס שרייעט אונד ציהעט אן די וועלף צו זיך אונד זייא פאלען אריין.



אזוי געלייענט אויף זיך דעם פסוק והיה הנס וגו' בפח דער וואס וועט אנטלויפען פון דער שרעקענעם שטימע וועט שטירצען אין גרוב אונד ווער עס פון דער גרוב ארויס שטייגען וועט ערגריפען ווערען אין איינעם נעץ.

ער האט צוואר אין דעם וואלף געהאט קיין ליבליבען נאכבאר, דאך אבער איינעם פריידליכען געזעל, דען דער וואלף איז זיך דארט געלעגען גאנץ רוהיג ווי א קאמענקע, אדער בעסער צו זאגען גאנץ פערשעמט ווי א דיב וואס מען דער וויסט בייא זיינעם אונטער גראבען זיך, דאך ווי נור זיין גרוים פאטער האט זיך נור איין עטוואס איין דיר געטאן האט זיך דער וואלף אויך אנגעהייבען צו בעוועגען, דען ער האט פחד געהאט דאס ער נעמט ארויס א מעסער פון קעסענע, אונד האט אלזוי נאך ניט געקענט איבער דעם דעם דאזיק פון קעסענע ארויס נעמען אום א שמעק טאבאק צו טאן, אונד איז אלזוי אפ געלעגען דארט ביז נאך האלבען טאג וואס דאן זייען געקומען די יעגער פון הויף צו בעזעהען די גרוב, אונד האבען זיך זייער שטארק פון איינאנדער געלאכט אלס זייא האבען דער וויסט אין איר דיזע אונגלייבע קאמפאניע, אונד האבען אלזוי באלד ארונטער געלאזען א פעטלע דאס ער זאל עס אן טאן אונטער די ארעמס אום ארויף צו ציהען אים, דער וואלף אבער האט עס ניט צו געלאזען, דען ווי ער האט זיך נור איין דיר געטאן האט ער אנגעהייבען צו וואיען אונד צו האקען מיט די צייגער, אונד שיסען אויף אים פון אויבען וואר אויך אונמעגליך, דען ער איז געלעגען אין דיזער איינער גרוב זייער הארט לעבען אים, אונד עס איז אזו ווייט געקומען ביז ער האט פון זייא פאר לאנגט דאס דיא זאלען אים ארונטער ווארפען א האק וואס ער האט איהר דער האפט אין דער לופטען, אונד האט דער מיט דעם וואלף מיט איינעם טיכטיגען קלאפ אין טוט פאר גלוסעט, דאס ער האט אים שוין געקענט אן טאן די פעטלע.

PP 23-35

LENGTHY, DETAILED DISCUSSION OF JEWISH LIFE UNDER THE PRITSIM

1. JEWS TOLERATED FOR UTILITARIAN REASONS
2. PORITS' ABSOLUTE POWERS
3. THE HORRIBLE PLIGHT OF THE PEASANTRY

אויף זיין האלז, און מען האט אים ארויס געווינדעוועט שוין אטויטען, און דער נאך האט מען ארויס גענומען מיין גרויס פאטער, זייא האבען אים באלד דער קענט דאס ער איז שלום דער קאראבעלניק, און ווייל זייא האבען געהערט שוין פון דער געשיכטע וואס וואר מיט אים אין דער קרעטשמע, דאס ער האט דעם וואויטנמין אפעצעל געגעבען דאס ער האט זיך גענוג צייט פאר זאמט אויף צוא שטיין, און דאס ער איז נאך זייער געפעהרליך קראנק, האבען זייא אים אוועק געפירט אין הויף צוא דעם קאמיסער.

וויא מיר ווייסען שוין וואר אים דער קאמיסער זייער גוט, האט ער אים דער האלטען בייא זיך אין הויף גאנץ סאקרעטנע ביז ער וואויט איז געווארען בעסער, און דאן האט ער גימאכט צווישען זייא איין שלום, און פון דער געשיכטע וואס וואר מיט אים אין פוסטען מילכעל האט ער אים ניט דער ציילט, נור ווייסענדיק איצונד שוין אויף קלאר דאס דארט זייען קיין שדים דא, האט ער בערעדעט דעם קאמיסער דאס ער זאל דעם מילכעל האפערירען, און ער וועט עס אננעמען אין ארענדע פאר זיינעם איין איידעם, דער קאמיסער האט אים נעפאלגט, און זיין איידעם האט זיך דארט געעלטערט אין גרויס מנוחה, דען ער האט געהאט גאנץ גענוג פרנסה פון אים, און ממילא האבען שוין אויף געהערט דיא רויבער באנדען צוא פאר קערען אהין. און עס וואר שוין מעהר קיין רייד פון שדים, פון רוחות, פון דעם טויטען מילנער, אלזוי מיין פריינד האב איך דער ציילט דאך אזוי אזאך וואס האט אפילו אגאנץ קנאפע שייכות צוא אייער שאלה וואס איר האט מיך געפרעגט ווענען מיין צונעמענעם „בידזווערדזו", דאך וועט עס איך ניט בערייען (חרטה האבען), דען עס וועט איך איין ליכט אוים ברייטען איבער מיין הויפט ערציילונג, אלזוי נון לאמיר גיין צוא דעם עיקר פון אונזער ענין.



## 3.

### „דער פריץ ועמסקע"

פערטענס האבען דיא קאראבעלניקעס זייער שטארק געליטען פון דיא פוילישע מאגנאטען (פריצים) וואס זייען געווען גרויסע פרייע מאיארען (סאמאוואוילצעס), דען יעדער פון זייא, זעלבסט אקליינער שלאכצעץ וואס האט געהאט צעהען חאטעס וואר אין זיינעם גוט איין זעלבסט הערשער (סאמאוולאדטשע) און האט מושל געוועזען איבער דיא מענטשען וואס האבען דארט אונטער אים געוואוינט וויא איין גרויס סולטאן אין טיפסטען אזיען, און אזוי אויך איבער יענע וואס זייען דורך געפארען דורך זיין גוט, אדער נור גענעכטיגט, זיינע פאדאנעם האט ער בעהאנדעלט פיל שלימער אלס זיינע פיהע און שווייניע, דען פאר זייא האט ער דאך וויניגסטענס געזארגט דאס זייא זאלען האבען וואס צו עסען, זיינע בויערען אבער זייען געוועזען אימער הונגעריג, נאקעט, בארוועס, דער צוא נאך צוא קיילט און צוא ביילט, און האט געשאלטען און געוואלטעט איבער זייערע ווייבער און טעכטער און איבער זייערע בהמות וויא איבער דאס גערויבטע גוטץ. עס האט אלעס געהערט צוא אים, זעלבסט דיא הון מיט איר איי, אלע לעבעדיגע זיילען וואס וואר ביי דעם בויער אין שטוב זייען נעגאנגען פאנכציזגע נאר אן ארעכענונג, עס זייען דער פון ניט פארשוינט געווארען זעלבסט קינדפעטארענס אויף דעם דריטען פערטען טאג נאך זייער געבאהרען:

דער אדעל מאן (פריץ) האט געהאט דאס רעכט צוא פערקויפען קינדער פון עלטערען, עלטערען פון קינדער, אוים ביימען זייא אויף הינט, אויף פערד, פארשפילען אין קארטען, לאזען שמייסען אזון דורך אפאטער, אפאטער דורך אזון, עס ווארען פארשטומט ביי זייא אלע מענשליכע געפיהלע, פארשמייבען אויף טויט אייגעם פון דיזע עלענדע בעשעפענעם וואר עס

ANARCHY & CRIME RUN RAMPANT AMONG PRITSIM.

גאנץ געוואוינליכעס, אונ אזוי פלעגט זייער אפט בעהאנדעלט ווערען דער קליינער שלאכצעץ פון דעם גרעסערען שלאכצעץ (מאגנאט), פלעגט אים זייער אפט איינלאדען צוא זיך אונ פלעגט אים אריין האקען הונדערט ביזונעס פאר וואס ער האט ניט אראפ גענומען דיא היטעל אזוי גיך פאר אים, פאר וואס ער האט פאר איבעל וואס ער סאברעוועט זיך צוא זיינער שיינע פרויא, אדער אוים נאך אנדערע דומהייטען, אונ ווינד אונ ווייהע ואר שוין דעם קליינעם שלאכצעץ וואס אמאגנאט האט איין אויג געווארפען אויף זיין פרויא, אויף זיין טאכטער אדער אויף זיין קליינעם מאיאנטעקעל, אזוי איינער האט שוין דורך דעם פארלארען זיין גאנצען פערמעגען אונ דער צוא נאך זייער אפט אויך זיין לעבען:

אמאל האט געהאט איין געוויסער רענקעוויץ (אקליינער פריץ) געהאט דאס אונגליק דאס זיין גיטעל איז געפעלען געווארען איינעם אגעוויסען רעדולטאווסקע (אמאגנאט) אונ האט עם געוואלט אפ קויפען ביי אים, אונ אלם דער רענקעוויץ האט עם ניט געוואלט, האט ער געמאכט אויף אים אפראצעס, אונ אלם דער פראצעס (וואס ואר געגרינדעט אויף אפאלש) האט צוא לאנג געדויערט פאר אים, האט ער זיך בעדינגט דער צו איין אנדער מיטעל, ער האט דעם רענקעוויץ איינגעלאדען צו זיך אויף אבאל, אונ דער רענקעוויץ האט עם אנגענומען פאר אגרויסע עהרע, אונ איז געקומען צוא פארען צוא אים גאנץ אויסגעפוצט, דען ער ואר אגאנץ שיינער יונג אונ אגרויסער ראמאנענרימער (דאס הייסט ער פלעגט זיך מאכען בעליבט ביי דיא דאמען), דער רודעל טויסקע האט אים זייער העפליך אויפגענומען, דריא טעג האט געדויערט דער באל, אונ דיא גאנצע דריא טעג האט ער זיך ביי אים פערזאמט אין אוים געלאסענע פריידען, דאס דער רודעלטאווסקע האט שוין געהאט איינע נוטע געלעגענהייט צו זאגען דאס ער האט זיך ערפרעכט (געוואגט) צוא דאביווען זיך צוא זיינער יונגע פרויא



אונ האט אים געלאזט אראפ נעמען דיא הויט, אונ אלם ער האט דער לעבט צוא קומען אהיים קיים אלעבעדיגער, האט ער ניט דער וויסט זיין מאיאנטיק, קיין חויז, קיין גרענעץ, קיין סימן פון דעם אלעם וואס האט מיט דריא טעג פארהער געהערט צוא אים, דען דער רודעלטאווסקע האט עם געלאזט דער ווייל אפברעכען אונ אלעם צערשטערען אונ פארניכטען, אונ דר רענקעוויץ האט שוין ניט געהאט מיט וואס צו פראצעסירען זיך מיט אים אונ איז זיך פון גראם באלד אוועק געשטארבען:

קורץ אום עם ואר אין לאנד קיין רעכט, יעדער מאגנאט האט געטאן וואס ער האט געוואלט, ער האט געדריקט דעם קלענערין, אונ דער קלענערער דעם נאך קלענערען, נון פאר שטייט זיך שוין פון זעלבסט וואס פאר אצורה עם האט דאן דער איד געהאט אין לאנד, אין דיא גרויסע שטעט ואר נאך ליידליך, דיא קליינע שטעט ווארען שוין ארוים געשלעפט דורך דיא שווערע ארענדעס, דורך האלץ אונ שיינק פארען, דורך דיא תקיפות פון דיא ראנדארעס אין דיא הויפען, אונ זייער אפט דורך דיא תקיפות פון דיא צירולניקעס אונ שניידער אין דיא הויפען, וואס האבען זיך געמישט אין קהלשע זאכען, נאך שלימער פאר זייא זייען בעהאנדעלט געווארען דיא ישובים, מען האט זיך דורך זייא דערשאפט אלע פאקוטקעס, אין שליחות אין דיא סאנדעס, אויך זייער אפט אין שידוכים, אונ ביי אלעם דעם ווארען זייא גרויסע מחותנים מיט זייערין קערפער, דען זייא פלעגען זייא אריין צוא האקען אויף וואס דיא וועלט שטייט, אמאל פאר וואס מען האט דער האפט זיינע אבהמה אין דיא הויפענע תבואה, אמאל פאר וואס אבויער האט פאר קויפט ביי אים אהייפעל הייפיגע פלאקס, אדער אקימטשקע הייא, אונ אמאל פאר וואס ער האט ניט אזוי גיך געפאלגט איאזדע, אונ ווער רעט שוין פאר דעם וואס ער האט געקויפט בראנפען פון איין אנדערע הויף, אדער פאר וואס ער

האט ניט בעצאלט ארענדע אין דער צייט, אויך פלעגט צוא טרעפען זייער אפט דאס איין פריץ האט געשמישען דעם ראנדאר פון איינעם אנדערן פריץ ווייל יענער האט געשמיסען זיין ראנדאר:

אמאל איז געווען אקרעצמע וואס איז געשטאנען אויף דעם גרענעץ פון צווייא פריצים, אונ האט געהערט צו זייא ביידען, האבען זייא זיך צוא טיילט אויך מיט דעם קערפער פון דעם ראנדאר, צוא איינעם האט געהערט דער רעכטער זייט, אונ צוא דעם אנדערען דער לינקער זייט, פילע ישובים וואס האבען ניט געקענט איין צאלען די ארענדע פלעגען איין געשפארט ווערען מיט ווייב אונ קינדער אין די סוויצארנעס, אונ געטריבען צוא פאנסציזנע, אונ ווער רעט שוין פון יענע ישובים וואס האבען געוואוינט אונטער די גרויסע מאגנאטען, יענע ווארען ניט זיכער מיט דעם לעבען, ווען אזוי איינער איז געפארען איבער זיינע גיטער, האבען אלע ישובים פאראהער ווידוי געזאגט אונ דער נאך גומל געבענשט, דען עס ווארען פילע צוא שמיסען, פילע ארוים געווארפען פון די קרעצמעס, פילע געהעבערט די ארענדעס, מען קען אנדערש ניט זאגען אמאל פלעגט מען צוא בעקומען איין הנחה, אונ מאנכע פריצים פלעגען זייערע ראנדארעס שוינען אונ שיצען, דאך בעהאנדעלט האבען זייא זייא, פיל שלימער אלס זייערע הינט, פלעגען זייא לאזען שטיין ביי די טירען, האבען זייא קיין מאל געאירצט (אלץ דוא), אונ פלעגען מוזען שטיין פאר זייא זעלבסט פאר דעם קלענסטען אן אהיטעל, אונ געבייגט אין דרייען.

אונ ווער קען בעשרייבען וואס אונזערע עלטערן זיינען דא אוים געשטאנען פון דעם גרוים פירשט ראדזיוויל, וואס צוא אים האט געהערט גאנץ סלוצינע, מירצינע, ניעשוויז, אונ נאך פילע גיטער, איך וועל אייך דא איין עטוואס דער פון ווייטער דער ציילען, נור דער ווייל וויל איך מיך אום קערען צוריק צו מיינע ערציילונג סכה די קאראבעלניקעס, דיזע לייטע זיינען



אם שלימסטען פון זייא בעהאנדעלט געווארען, דען עס ווארען דאן פילע פריצים וואס האבען קיין אידען געהאלטען אין זיינע גיטער, אונ קיין אידעשע פוס געלאזט דורך גיין דורך זייערע דערפער, דען זייא האבען געזאגט דאס דער איד פאר פיאנעט זיינע פויערן אונ זייגט אוים פון זייא דאס בלוט, אונ וויי הע ווער דעם קאראבעלניק וואס האט זיך אין אזוי אדארף פאר אירט, אדער זיך אריין געשליכען (אריין געגנבעט), ניט איינער וואר פאר שמיסען דער פאר אויף טויט, אם ווייניגסטען האט מען אפ גענומען פון אים די קערבעל סחורה אונ אים ארוים געהעצט מיט הינט איבער די ראגאטקע פון דעם גרענעץ *):

אנדערע פריצים פלעגין אים דער האלטען אים צוא זינגען מה יפית, אונ קנעלע גוט אונ שבת גוט, אונ דער נאך אפ גאלען אהאלבע קאפ, אדער אהאלבע בארד, אונ ארוים געפירט פון הויף מיט אפויק ווייא איינעם פאר בערעבער, אונ דאהער ווען עס איז אוים געקומען אקאראבעלניק נור דורך צוא גיין דורך אזוי אורעג וואס גייט דורך אזעלבע גיטער וואס האט געהערט צוא אזוי איינעם, פלעגט ער זיך מוזען דורך שלייכען (דורך גנבנען זיך) מיט סכנות נפשות, אונ זיין בעוואפענט מיט אקליינע בארילקע בראנפען אונ מיט אקוואטירעל, אום זיך לויז צוא קויפען דער מיט פון דעם בויער וואס איז געשטאנען ביי דער ראגאטקע, אונ אזוי אויך פון דעם וואס ער האט בעגעגענט אויפען וועג.

«אונ איך האב פון מאנכע אלטע לייט נאר גאנץ פאר קערט געהערט, האב איך מיר צוגאים אפ גערופען, דאס אונזערע

עלטערן

*) עס וואר דאן די זיטע דאס אויף אלע דייטשע וועגלעך (חוץ דעם גלאוונעם גאסצענעס) וואס האבען זיך נור געצויגען איבער פריצעשע מאיאנטקעס וואר ביי יעדען גרענעץ פון יעדען פריץ איין ראגאטקע, אום אפ צוא האלטען יעדען רייזענדען דאס ער זאל בעצאלען צעהען גראשען פאר זיין רחך פארען:

# EXCURSUS: THE TRUTH ABOUT JEWS UNDER POLISH RULE

עלטערן האבען געלעבט אונטער דיא פוילען אגאנץ רוהיגעס
אונ פרידליכעס לעבען, האבען זיך געלטערט אויף דיא ישובים
אונטער זייערע פריצים - כמה וכמה דורות, וואָרען רייך, אונ
האבען געהאלטען איידעמס אויף קעסט, וואָרען אויך גרויסע
מכניסי אורחים, וויא איך האט מיר אליין דער ציילט, אונ דער
גאנצער האנדעל פון דער מדינה איז געלעגען נור אין אידעשע
הענט, אונ האבען נאך אין ערגעץ געהאט אזוי אפרייהייט צוא
היטען זייער רעליגיאן, עס וואָרען ביי זייא דאן אכטצעהען
הונדערט ישיבות, אונ גרויסע לומדים, אונ דיא רבנים האבען
געהאט גרויסע תקיפות פון דער רעגירונג, האבען ניט געוואוסט
פון פאראטקעס, פון רעקרוטען, פון קיין פעסער, דער צוא
וואר גרויס זול אין לאנד, אונ וויא צווישען אונז געשפראכען
האבען ווירקליך דיא ישובים אונ דיא קאראבעלניקעס אויס
געזויגען דיא מארך פון דיא בויערען, אלזוי איזט מיר אוואונדער
דאס איך הערע גראדע דעם הפך דער פון "איך וועל אייך ניט
איין ווענדען" האט ער זיך אפ גערופען, אלטע לייט ערציילען
עס אזוי, דיא זייען אבער אלטע בעק, פרעג זייא בחרם וואו
זייא זיינען אין דער וועלט, זייא זיינען וויא קליינע אינגלאך וואס
האלטען דעם פאר אגוטען פריינד וואס גיט אשטיקעל לעקעך
פאר דעם וואס זייא לאזען זיך אפשמייסען, אונ וועל אייך
אלזוי דיא זאכע זייער גוט פון איינאנדער לייגען דאס הייסט
וויא מיר האבען געלעבט אונטער פוילען, אונ צוא וואס מיר
זייען געקומען דורך זייא, דען ניט קוקט דארויף וואס איך
בין שיין אלטער מאן אונ איין קליינשטעטלדיגער, איך בין
גאנץ גוט בעלעזען אין פויליש, אונ האב מיך אויך גענוג
ארום געקוקט אין גאנצען וועלט, איך בין געווען אין פרייסען,
אין לייפציג, אין אמשטרדם, אונ האב געשפראכען מיט אלע
אידעשע גרויסע לייט וואס זייען דארט, אונ אלע דורך אויס
האסען דארט פון אייביג אן דעם פוילישען אידען, אונ דאס
איז נור ווייל זייא האבען אונז ווירקליך נור פארדארבען:



איך זאלט וויסען דאס דיא פאלאקען אין יענער צייט
אין כלל האבען אונז אידען העכסט פיינט געהאט וויא איך
קענט אייך נור פארשטעלען, איין בעווייז דערויף דאס אויף
יעדער סיים וואס זייען צו זאמען געקומען אלע זייערע מאגנאטען
וואר נור געשפראכען שלעכטעס איבער יודען. עס איז ניט
אויס געפיהרט געווארען נור איבער דעם דאס זייא וואָרען ניט
איינינג צווישען זיך אין אנדערע זאכען, דאהער וואר איינער
דער ווידער דעם אנדערען אויך אין דיזער זאך, עס וואָרען
פילע דערפער, שטעטלעך וואס אידען האבען דארט ניט
געטארט וואוינען, אונ זעלבסט אין דיא גרויסע שטעט וואו עס
וואר זייא שוין ערלויבט צוא וואוינען וואָרען פילע גאסען וואו
אאידעשע פוס האט ניט געטארט אהין אריין טרעטען, אויך
וואָרען פילע פרנסות וואס אאיד האט ניט געטארט געברויכען,
האבען ניט געטארט קיין שול בעזוכען, ניין בעקליידעט וויא זייא,
וואו האט אאיד דאן ארעכט דער נאנגען, וויא געקאנט האט
נאך קיין יודע קיין משפט געוואונען אונטער זייער רעגירונג באם
ער האט עס געהאט צוא טאן מיט אפוילע, דער פאלאק האט
מער פאר שטאנגען צוא בעגיין זיך איידעל אלס ערליך. לייבטער
וואר אים צוא שיינקען אלס צוא בעצאלען, אונ האט אזוא אין
דעם יודען קיין מענטשען געפונען, נור איינעם בלאזען וואס
האט אים צוא געווארפען אשטיקעל שמוצעגעס בראד, אום צוא
האבען איבער וועמען זיך לוסטיג מאכען, אונ וואר אים דער
צוא נאך זייער נוציג אין לאנד, אזו אין כלל זאגען, אונ אזו
אין פרט זאגען, דען יעדער פאלאק וואס האט געהאט אונטער
זיך אאידען וואר ער פיל רייכער אלס יענער וואס האט קיין
יודען געליטען אין זיין גוט, דען דער איד האט אים געמאכט
אלע פאקופקעס אין שטאט פיל וועלוועלער אונ בעסער אלעם
דער פריץ, וואס פלעגט קויפען אליין אדער פלעגט עס זיך
פאר שאפען דורך זיין אקאנאם, דען דיע וואָרען העכסט איבער
פארטייערט (איבער גענומען דעם מקח) דער צוא נאך שלעכטע

ווארא אריין גערוקט, נור איבער זייער שטאלץ, דען זייא האבען אימער געשפילט דיא ראלע פון גרויסע אונ אלץ וויסענדע הערען, אונ אזו אויך האט אים זיין ראנדאר פאר קויפט זיינע פראדוקטען אונ וועלדער מיט גרויס פראפיט. ער איז געשטאנען פאר זיין פריץ רוביל מער אלס פאר זיינעם, דען ער האט אונטער אים געוואוינט אונ געלעבט פון אים, איין לעבען געזאגט געווארען אויף וויסטע וועלדער, וויא א בהמה, ער האט געהאט וואס צוא עסען. אונ האט געוואוינט וויא אחלאפ אונ געגאנגען געקליידעט וויא אחלאפ, אונ אלס דער פריץ האט אים ארויס געווארפען פון דער ארענדע איז ער געווארען אבעטלער, אזוא האט אקלוגער פריץ געהאלטען אונטער זיך אאידען מער פאר זיין אייגענער טובה אלס דעם אידענס טובה, אונ דאס וואס מען זאגט דאס דער ישובניק האט אויס געצויגען פון פויער דעם לעצטען גראשען. איז גראדע דער היפך דער פון, אין דעם דארף וואו אאיד האט געוואוינט, האט זיך דער פויער אימער געהאט מיט וואס אויס צוא העלפען, ער פלעגט בעקומען בייא דעם אידען אויף זריעה, אויף א בהמה, דער איד פלעגט אים צוא שארען פורמאנקעס, דער איד פלעגט אים פיל מאל אפ ראטעווען פון שמיץ, בעזוכען דיא קראנקע, דען אין יענע צייטען האבען דיא פריצים גאר ניט געקוקט אויף זייא, פלעגען צוא פאר ברייגנען זייערע צייטען נור אויף יאכט, אויף בעלע, אין פאליטישע קלובען (דאס הייסט אין זעלבע הייזער וואס מען פלעגט צוא זאמען קומען אום צוא ריידען וועגען דער פאליטיק), אדער גאר אין ראמאנען, אונ פלעגען זייער אפט דועלירען (אויף פאעדיניק גיין) אונ איבער זייערע גיטער האבען געשאלטעט אונ געוואלטעט נור קאמיסארען, אקאנאמען, אדער גאר פאסעסארען, וואס האבען געווירטשאפטעט אין זייערע גיטער וויא דער טייוועל אין דער קיכע פון דער העלע (גיהנם), עס האט זיך נימאנד געקימערט אום דעם פויער, יעדער בעזונדער האט אים דיא הויט געשונדען. אונ זיין לעצטען



גראשען אויס געפרעסט פון אים, אונ דער זינדען באק וואר נור דער ראנדאר, דאס זעלבסט איין פוילישער שריפטשטעלער (איין מחבר וואס שרייבט ספרים) האט דאריבער געשריבען דיא בויערן אין ליטע אונ פוילען זיינען דיא ארעמסטע אונ אונגליקליכסטע קלאסע מענטשין אויף גאטעס ערדבאדען, אונ עס איז צוא לאכען פון אונזערע מאגנאטען וואס זייא זאגען דאס נור דיא אידעשע פעכטער (ראנדארעס) האבען שולד דארן, עס איז זייא צוא פערגלייכען צוא יענעם מילנער וואס האט אויס פיאנסטווע פערגעסען צוא צומאכען דיא זאסטופקעס פון שטויא וואס דורך דעם איז אפגעלאפען דיא וואסער אונ דער מיל איז געבליבען שטיין, האט ער פאר ווארפען מיט שטיינער דיא הינער וואס ער האט דער וויסט טרינקענדיג פון טייבעל זאגענדיג דאס זייא האבען בדלות געשטעלט דעם שטויא.

איך וועל אייך ניט לייקענען דאס דער ראנדאר האט אנגעווענדעט אלע מיטלען דאס ער זאל לייזען פאר בראנפען, ער וואר אבער אויך זייער געצוואונגען דער צוא, דען דער פריץ האט אים ניט אנדערס פאר דונגען דיא ארענדע וואו ער זאל אים ניט אויס געבען דורך דעם יאר איין געוויסען קאליצעסטווע בראנפען. למשל טויזענד עמער אין זיין קרעצמע, נוא דאס האט שוין אזעלכער געקענט אנדערש טאן, אגב האבען דיא פריצים געמאכט אליין זייא פאר גרויסע שכורים, דען זייא האבען בענומען פון אים אלע לעבענס פריידען, אלע האפנונגען פון דיזעם לעבען אונ פון יענעם לעבען, זיין פריץ האט אים בערויבט זיינע פרויא, זיינע טעכטער באם זייא ווארען נור שיין אדער איין עטוואס געשיקט צוא הויפארבייט, אונ ווער רעדט שוין פון זיינע זין, ער האט אים בערויבט זיין אקס, זיין פערד, זיין הון זעלבסט דאס איי, קיין שענערען ביישפיל האט ער ניט געזעהען, איין איינציגען ביישפיל פון איינעם מוראלישען לעבען האט דער אונגליקליכער בויער געהאט פאר זיך נור דעם אידען, בייא אים נור האט ער געזעהען וואס הייסט אשבת,

וואס הייסט איום טוב, וואס הייסט צניעות און וואס הייסט די רעליגיאן היטען, און וואס הייסט צדקה געבען, דען יעדער ישובניק וויא אויך ער וואר געמיין וואר איין גרויס חלעבעדאוואץ (מבנים אורח), דיזעס אלעס האט ער גיט געלערנט פון דעם פריץ זיינעם. וואס האט געמאן גראדע פאר קערט וואס מען האט געפריידיגט אין דער קירכע.

אלזו קיין פאריבעל צו האבין דאס אזעלכע אונגליקליכע מענטשען האבין דער טרונקען זייער עלענד. נור איז דער גלעזעל בראנפען. וויא שלמה האט גיזאגט „תנו שכר לאובד, ויין למרי נפש“, ניט שנאפס דעם אומגליקליכען, און וויין דער פארביטערטע זילע, אם אונגליקליכסטען וואהרען דיא בויערען פון דיא גיטער וואס דיא קרוין האט אוועק גיגעבין אמאנגאטען דא זיוואצע נור, דען אזעלכע גיטער וואהרען אוים געוויינען גיוואהרין פון אים ביז דעם לעצטען טראפען בלוט, ער פלעגט מיט דיא יונגע בויערען פון דיזעם גוט פאטערען דיא נאכבארען פון אלע גיטער, איך זעלבסט גידייגק נאך גאנצע דערפער וואס זייגען דארט געבליבין נור נקבות אליין, אלזוי מיין פריינד איז ניט פאר איבעל צו האבין אויף אזוי איינעם וואס פאר רייכערט אלולקע מיט אקויל. אהייסע פון אגרויסע שרפה פון אגרויסען פאלאץ, איך מיין עס דעם ראנדאר וואס האט זיך דארט דורך געזויעט וויא עס איז, איך וויים פון פילע ראנדארעם וואס וואהרען גרויסע חכמים, דאס זייא האבין זייערע פריצים גערואטעוועט זייער לעבען און זייער פארמעגען מיט דעם וואס זייא האבין זייא אפגיהאלטען פון כמה וכמה פאליטישע זאכען, וואס מאנכע אנדערע האבין דורך דעם פארלארין זייערע גיטער און זייגען נאך דער צו גיהאנגען גיווארין, און האבין אויך זייערע גיטער ארוים גיראטעוועט פון שווערע שולדען:

ניט ווייניגער נוצליך וואהרען דיא יודען אין ליטע אין פולין און אזוי אין פאלעשע און וואליגען אין כלל זאכען. ערסטענס

וואר־



1. וואהרען זייא דיא איינציגע מענטשען אין דיזע לענדער וואס האבין בעטריבין דם האנדל מיט דעם אויסלאנד, און עס האט אין לאנד ניט גיפעלט קיין זאך וואס נייטיג וואר צום מענטשליכען לעבען, און וואהרען אלזוי דיא פרייע בירגער אין דיזעם לאנד דאס הייסט דיא איינוואוינער פון דיא שטעדט, דען דער אדעל (חוץ ציגאווניקס) האבין געוואוינט אויף זייערע גיטער, און האבין זיך ניט געטארט בעשעפטיגען מיט קיין האנדעל, דען דער שלאכציץ וואס האט נור געהאנדעלט האט פארלארין באלד שלאכעצטווא, דאס גלייכען האט דער לייב איינענער (פאדאנע) ניט גיטארט האנדלען דער צו נאך ניט געוואוינט אין שטאט, דער אדעל וואס איז גיקומען אין שטאט וואר אויפגענומען פון דיא יודען מיט דער גרעסטע עהרע, דער קרעמער אדער בעסער צוא זאגין דער אידעשער קויפמאן איז נישטאנען פאר אים ווי אהיטעל, און געבייגט וויא זיין לייב איינענער, דאס גלייכען דר האנדווערקער, און ווער רעט שוין דער בעל אכסניא, ער וואר דארט בעדינט וויא איין פירשט און געהארכט וויא איין קיניג און דיזע אלע האבין גיהאט וואונדער צו דער ציילען, דאס זייא זיינען ניט גיווארין געפאצט אדער פון דיא טרעפ ארונטער גיווארפען גיווארין וויא אהונט:

איין וואהרעם גליק וואהרען זייא פאר יעדען רייזענדען אויף דיא גאסצענעסען, דען אין דיא קרעצמעם וואו עס האט

2. געוואוינט איין חופינער אדער אזוי נאר עפעס איין פרייער קריסט, וואר דארט גרוים שמוץ, קאלט, און עס וואר דארט גאר ניט וואס צוא געניסען חוץ ביר און בראנפען און אלט גיבאקענע בייגעל, ניט אזוי אבער וואר דער פאל אין דער קרעצמע וואו אאיד האט גיוואוינט, עס וואר דארט שוין זויבערע ציטערען, ליכטיגע, ציבטיגע מיט ריינע בעטלעך און בעט צייג, עס וואר דארט צו געפינען פון אלעם גוטען, עס וואר גיזארגט פאר דעם רייזענדעם מער אלס וויא פאר איין



איינעם

אייגענעם, אונ דער צו זייער ביליג. אונ מאנכען ארעמען יודין אדער קריסטין גיגעבין עסען נאר אומזיסט*):

אין נויט פעלע וואַרען זייא בענוצט אין פאליטישע ענינים, דען פילע מאגנאטען האבין גיהאט גרויסעס צו טרויען צוא דיא פארנעהמע יודען, אונ פלעגען זיך מיט זייא בעראטהען אין דיא וויכטיגסטע ענינים, אונ אזוי אויך גיוואר ווערין דורך זייא פילע שווערע געהיימנים, אונ מען האט גיהאט צוא זייא דעם בעסטען צו טרויען, אונ בייא אלעם דעם האט מען שטענדיג געשריבין אין דיא צייטונגען זייער שלעכטס פון דעם אידען, גלאכט פון אים, אין דיא טעאטער הייזער, אונ קוקט אויף אים בכלל מיט אייגעם פיינדליכען בליק דאס מען האט זייא נים פארגונען

*) איין געוויסער אייגענלענדער ארצט בורלייא וואס האט דורך געדייזט אין דעם יאר טויזענד זיבין הונדערט עלף מיט איינער אייגענלעשע געזאנדשאפט דורך פוילין קיין טירקייא, שרייבט אזוי: פוילין איז איינע ווישטעניי זאהארא פאר דעם רייזענדעם, גליקליך איזט מאן ווען מען טרעפט אן איינע קרעטשמע וואו איין יודע וואוינט, דען דארט איז מען וויא צוא הויז, דיא יודען זיינען דארט דיא איידעלסטע לייטע, אונ צוא גלייך דיא ניצליכסטע, אונ נאך האב איך אין מיינעם לעבין גיזעהען אזוי איין שיינעם שלאג (מין) מענטשען וויא דיזע לייטע זיינען, איך האב זייער גלייבען גיזעהען נור אין דיא אלטע גריכישע בילדער, זייערע פרויען זיינען איין מוסטער (איין ביישפיל) פון ווייבליכער שיינהייט, עס איז זייא צוא זעהען אונ צו בעוואונדערען, אין דיא פרייטיגען פאר נאכט אלס זיא זינד אויס געפוצט אין זייערע פערעל בינדע (בינדאלעקעס), זייא זעהען אויס וויא שפינקסען, עס ליגט אין זייערע געזיכטער אלע ווייבליבע טוגענדען, איין עכטער אבדרוק פון דען אלטען פאטריארכאלישען דאמען אונ נאך האב איך נים גיזעהען אזוי איינע פריינדליכקייט פארבונדען מיט דער גרעסטען צוריק האלטונג (צניעות):



פארגונען אזוי נאר דיזעם שטוציגען ביסען ברויט וואס זייא האבין דא גינאסען, דען מער וויא דאס האבין זייא נים גיהאט אונטער זייא, אונ אויך דיא גוטעם וואס מאנכער מאגנאט האט מיט זייא גיטאן וואר אויך גאנץ פארגאלט, דער זעלבער פירשט ר׳ד׳ וואס האט זייא אין זיין רעזעדענץ אויס געבוים אשול, אבאד, אונ פלעגט חתונה צוא מאכען ארעמע מוידען, פלעגט זייער אפט לאזען אפשמייסען דעם פרנס חודש, אריין פארין מיט אפייעטאן וואס וואר בעשפאנט מיט אפאר בערען, אין ווייבערשע באר, געהייסען געבין קהל דרייסיג שטיין וואקס אויף דעם קלויסטער פאר וואס ער האט זיך דארט אין אים זינדיק גוט בערוישט זיך זייער געמיין געגאנגען. קורץ דער פון, מיר זיינען גיווארין אונטער זייער רעגירונג טויגעניכצען, מענטשען אן טובה, אן עהרען געפיל, אן בילדונג, קיינע געלעהרענטע, קיינע רעכטע קויפלייטע, אויפגעוויזין נור אויף דעם קליין מסחר אונ אויף דעם שנאפס האנדעל, פאקטארסטווע, דער צוא נאך העכסט אבערגלויביש, דאס עס האט אויסגעבראכען אין כמה וכמה סעקטען (כתות) וואס דיזעס איזט נים גישעהען אין דיא איבעריגע לענדער, דען דאס קומט אלץ אן איינער רעגירונג, אונ אין אזוי אמצב (צו שטאנד) זיינען מיר איבער גיגאנגען אין דער רוסישע רעגירונג וואס בעמיהעט זיך שוין אזוי גאר גענוג אונזער שטאנד אויס צוא בעסערען אונ איזט נאך נים חייט גיקומען דער מיט, דען איינע פעריערט (פון יארענלאנג געוואוינהייט) איז דיא צווייטע נאטור:

נון גענוג דער פון צו ריידען, איך וויל מיך אומקערען צו מיינער ערציילונג, דיזער גרויס פאטער מיינער האט אמאל גיהאט דאס אונגליק צו פאר אירען זיך אויף אוועגעלע וואס גייט דורך דיא גיטער פון אנעוויסין דעמסקע וואס האט קיין אידען גיהאלטען נים אין איין דארף זייגעם, אונ האט נים גיהאט קיין מנע אונ משא מיט קיין אידען, אונ וואר שוין בעוואוסט אין דעם גאנצען געגענד פאר אגרויסען יודען פיינד, אונ האט דוקא דעם אויף

בענג געליטען עטליכע מאל , ער פלעגט זיינע פראדוקטען ,
זוימען, פלאקס,ווייץ , לאזין אליין טראנספאטירען קיין קעניגסבערג,
ואום נור ניט צו קומען מיט קיינעם יודען אין קיין בערירונג אונ
האט נאך די ארומיגע פריצים אויך בערעדעט דער צוא דאס
זיא זאלין אליין שיקין זייערע פראדוקטען קיין פרייסען , צוא
זיינעם אומגליק האט ער אמאל אנגעטראפין ביי זיינעם אשכן
אשאפער פון איין סוחר וואס איז גיקומען אהין האנדלען פראדוקטין
אונ האט אים גיזאגט דאס ער וועט דעם שכן זיינעם ניט דער
לאזען דער צו דאס ער זאל זיינע פראדוקטען פארקויפין אאידין ,
פיל גלייכער דאס ער זאל אויך וויא ער עם אליין טראנספאטירין
קיין פרייסען , דער שאפער האט אים אויס גילאכט אונ גיזאגט
גרעסערע גוטס בעזיצער אלס דוא האבין עס ניט אויס געפירט
בשיטא דוא , מאך אקלארין בערעכענונג וועסט דוא שוין זעהען
דאס דוא האסט פיל צו געלייגט צו דיין משא ומתן ווערלוג מען
האט דיר דא גיבאטען , אונ אויב דוא וועסט אזוי ווייטער
זעלבסט טראנספאטירען קיין פרייסין נאך אפאר יאר דאן וועסט
דוא דיינע פראדוקטען שוין געווים קיין יודען פערקויפען , וויל
דוא וועסט שוין ניט האבין פאר וואס דיינע פעלדער איין צוא
זייען , אונ דאן וועסט דוא וויסין וואס פאר איין טייער ביסען
עס איז די יודען פיינדשאפט , "אונ ווארום איז עס אזוי ? האט
אים דער דעמסקע גיפרעגט מיט גרויס צארען , "וויל א גוטס
בעזיצער פארשטייט ניט קיין געשעפט , אונ אין האנדעל האט
מען פיל מעהר צוטרויען צו א סוחר א אידלאק אלס צו דעם רייכסטען
גוטס בעזיצער" האט ער אים גיענטפערט :

קורץ דער פון עס וואר אונטער זיא ביידע אגרויסער
דיספוט אונ אלס דער דעמסקע האט זיך גיפונען געטריבין פון
אים אין דער איינגע (דאס הייסט ער האט אים מנצח גיוועזן מיט
זיינע בעווייזע) איז ער גיווארין העכסט בייז אויף אים אונ האט
מיט זיינעם שטאק דורך געקיילט אים די ביינער, אונ ווען דער
אנדערער פריץ וואלט אים ניט אפ גערים וואלט ער איהם



געשפיתט צום טויט , דען נאך האט זיך אאיד ניט גישארט דאן
ווערהרען נעגען איין אדעל , אונ ווער רעט שוין פון צוריק
געבין , באלד דארויף אבער האט דר שאפער גיהאט איינע גוטע
געלעגענהייט אפ צו רעכענען זיך מיט דיזעם יודענפיינד , אונ האט
איר זייער גוט בענוצט :

שוין אין יענער צייט ווארען נור דיא פוילישע יודען
דיא מעקלער פון דיא פוילישע פראדוקטען אין קיניגסבערג , אונ
איינער פון דיזע וואר אויך דיזער שאפער , ער וואר אגאנץ
קלוגער יונג , אונ האט גיקאנט יעדען טייטשען קויפמאן מיט דיא
ביינער , דאס הייסט ער האט גוט געוואוסט יעדען פון זייא וויא
עס שטייט מיט אים אין געשעפט , אונ וויא עס האלט בים
זיינע אומשטענדע (אבסטעיאטעלסטוועס) , אונ האט אלזו דעם
קאמיסער פון דעם דעמסקען וואס איז געקומען מיט זיין שיף
פראדוקטען קיין קיניגסבערג אונ וואס האט ניט געוואוסט פון
דער גאנצער געשיכטע וואס וואר צווישען אים אונ דיזעם
שאפער אריין געמעקלערט מיט אגוטען פרייז צו איינעם טייטשען
וואס ער האט געוואוסט דאס ער האלט שוין גאנץ נאהענט
ביים באנקראט , אויף אפאר וואכען אן געלט , אונ דער קאמיסער
האט זיך אומגיקערט צו דעם דעמסקע מיט דעם בייץ צוריק , אונ
דער צו נאך מיט איינעם הייסען גערים פון דיזעם שאפער ,
אויך איינעם צווייטען פריץ וואס האט זיך בעלאזט בערעדען
פון דעם דעמסקען צוא שיקין זעלבסט זיינע פראדוקטען קיין
קיניגסבערג איז אויך ניט בעסער גיגאנגען , דען דיזער שאפער
האט גיגעבין צו פארשטיין דארט אלע אידעשע פראדוקטען
הענדלער, דאס מען מוז בעצייטען שוין פר זארגין דאס די פריצים
זאלין ניט זעלבסט זייערע פראדוקטען שיקין קיין פרייסין , אונ
מען מוז טאן אלע מעגליכקייט דאס עס זאל זייא שוין דיא לוסט
פארגיין צו ווערין זעלבסט הענדלער , אונ האבין אלזוי זיך צוא
זאמען גילייגט אמאלער טויזענד אונ האבין דער מיט משחד גיוועזן
דעם בראקירער , אונ דיזער האט נאה מעהר גיטאן אלס מען

האט פון אים פערלאנגט ג׳, ווייל ער האט אויך שוין צוא פיל געוואוסט דאס אן אפוילישען גוטס בעזיצער איז ניט צו ערלעבין, אונ האט זיינע פלאקס אונ דיא איבעריגע פראדוקטען זיינע גאנץ פאר בראקירט, אונ בראק האט מען אין יענעם יאר אין האנט ניט גינומען, דער פריץ האט גוט פערשטאנען דאס דיזען שטריך (שטוקע) האט אים גישפילט דער זעלביגער שאפער, אונ האט זיך צו ביסען דיא פינגער פון כעס, אינ ווער רעט שוין פון דעם דעמסקען, וואלט מעגליך גיוועזין וואלט ער אלע יודען אויף דעם פייער געבראכט, אונ האט אלזוי געזוכט איינע גילעגענהייט אום צו זעטיגען זיין היים הונגעריגען צארין אן דעם ערסטען בעסטען יודען וואס וועט נור אריין פאלין אין זיינער האנט:

גון צו זיינעם אומגליק, אונ צוא מיינעם גרוים פאטערס אומגליק האט ער זיך מיט אים באלד נאך דיזער געשיכטע בעגעגענט, אויף דיזע פעלד שטעגעלע וואס איך האב אייך דא פריער דער ציילט, מיין גרוים פאטער האט אויף זיך גיטראגין זיין קערבעל סחורה אונ איז זיך גיגאנגען זייער שפארקע מיט איינער אסעקע (סוקאנאטען שטעקען) אין דער האנט, נאט אין הערצען, אשנאפס אבריימען אין קאפ, אונ דער דעמסקע איז זיך גיגאנגען פון יאכט מיט אפאר הינט, אונ אביקס אויף דיא פלייצעס, אז האט ער בייא זיך גיטראכט „איך האב דא אין פעלד אויף פיל בעסערעס צו יאכטען אלס אין וואלד״. אונ האט באלד דארויף אן גערייצט אויף אים ביידע הינט בריטאנעס, וואס איינער פון זייא וואר גענוג איינעם מענטשען צו צוריסען, אונ זייגען אן גילאפין אויף אים ווייא אויף איינעם בערען, מיין גרוים פאטער אבער האט איינעם דער לאנגט מיט דער נאסעקע אונ האט אים אודעק גילייגט אויף דער שטעלע, אונ דעם צווייטען וואס האט איין געביסען אים אין זיין סאראק האט ער אים אויס גערדייט איין אויער מיט אשטיק פעל דער צו דאס ער האט זיך פאר גאסין מיט בלוט אונ איז גיווארין פאר גלוסעט דאס ער האט זיך אנגעהויבין צו דרייען ארום זיך אליין ווייא אדריידעל



דעם עק פאר קועצט צווישען דיא פיס אונ האט שקאווצעס נאר אן אויפהערונג, דען ער האט אצוא שטארקען סוד איך גיראטט אין אויער, דער דעמסקע וואס וואר דורך דיזע שצענע ווייא אויף געפולודערט האט ער אראפ גינומען דעם ביקס אונ האט אויף אים לויז גישאסען, צום גליק האט זיא גיטראפען נור אין דער קערביל, זייא איז גיווארין צו פלקט אויף שטיקער אונ עס האבין זיך ארויס גישאטין דיא קורצע וואארען וואס וואר דארט, אונ אלס דער דעמסקע האט גיזעהן דאס ער האט ניט גיטראפין האט ער גענומען לאדעווען דעם ביקס צום צווייטען מאל, מיין גרוים פאטער אבער האט פון דיא קורצע וואהרע אויפגיהייבין נור אקליין צווייגעל אונ איזם צוא אים גילאפען אלס ער האט נאך גיהאלטען אין מיטען ארבייט, האט אים אנגענומען פאר דעם קאלנער אונ האט אים זייער זאכט אנידער געלייגט אויף דער ערד, האט איין האנד זיינע פארקוועטשט אונטער דיא פלייצעס, דיא אנדערע האנד האט ער אים ארויף גילייגט אויף זיינעם הערצען וואס ער האט גוט צוא געדריקט מיט דער קניא, דאס דער דעמסקע האט זיך ניט גערעגט שוין אקער טאן גלייך ווייא ער וואלט גיוועזען איינגעשרויפט אין אשרויבשטאק, האט אים אויפגעמאכט דעם מונד, אונ האט אים אוים גירייסען אלע ציינער איינער נאך דעם אנדערען, האט זייא צוא זאמען גינומען, אריין גילייגט צו זיך אין קעסענע, זיינע סחורה אבער האט ער אויף גיקליבין ביז דאס לעצטע שטיקעל צו זאמען מיט דעם צערבראכען קארב אונ האט פארזייגקט (פארזונקען) אין אזומפ, דאמיט עס זאל קיין שלאד זיין פון אים, אונ האט זיך אומגיקערט צוריק, עס וואר שוין רעכט דונקעל, עס האט אים קיינער בעגעגענט, קיינער גיזעהען, אונ איז זיך אוועק רוהיג אויף דעם גרויסען נאסצינעס אונ האט גימיינט דאס דיזע זאך וועט פארגעווים בלייבין איין געהיימניס:

באלד דארויף האט מען דעם דעמסקען דער ווישט דאס ער

שטומט

שווימט אין זיינעם בלוט , אונ דאס קוים דאס ער זיוועט , ניט חיים פון אים דיא היגט , אונ עס האט דער מיט אויפגעבראכט גאנץ שלוציינגע , ווער דאס האט גיטאן וואר דער ווילע ניט צו דער זיין , דען דער דעמסקע האט ניט גיקענט רייַדען , אונ אויך ניט שרייבין , פיר וואכען איז ער גילעגין וויא אן זיך אונ האט גילעבט נור פון זופ , אונ מען האט גאר געצווייפעלט צו ווען ער לעבען , דען עס איז ווערסט דיא בראנד צוא געפאלען ביא אים אין מויל , זיינע שמערצען וואר ניט צו בעשרייבין, דר צו נאך האט מען אים געמוזט נאך מאנכע ווארצלען אויס ציהען פון מאגבען צאן וואס איז גיווארין פארבראכען , אונ דער נאך אלס ער האט זיך אויס געצוכעט האט ער אויף אפאפיר בעשריבין דיא גאנצע געשיכטע , דאך דאס האט ער פאר שוויגען דאס ער האט אויף אים פריהער גישאסין , ער האט בעשריבין נור דאס דער וואס האט עס אים גיטאן וואר איין יודע אקאראבעלניק וואס האט אויס גיזעהען אזוי אונ אזוי , אונ מען האט זיך באלד אנגעהויבין צו שטויסען דאס וואר קיין אנדערער אלס דער שלום , אונ מען האט אים גענומען , מען האט אים אנגעהויבין צוא עקזאמענירען , אונ ער האט זיך באלד מודה גיווען , נור ער האט דער ציילט דיא ווארהייט , דאס ער האט איינמאל אויף אים אויס גישאסין אונ האט אים גיטראפין אין קערבעל , אונ אלס ער האט אים גיוואלט שיסען צום צווייטען מאל האט ער שוין קיין אנדער ברירה גיהאט אום זיך צוא ראטירין דיא נור אים צוא שוואכען , אונ האט אים אלזויא אויס געריסין דיא ציינער :

עס איז דיזע זאכע אנגעקומען צוא דעם ראדזעוויל , אונ ער האט אים גיהייסען ברייגגען צו זיך , אונ ער האט זעלבסט דיזע זאכע זייער שטרייג אונטער זוכט , אונ עס איז אלץ ארויס קלאר אויף דעם טעלער , דען עס איז איינע אונמעגליכקייט זיך צו לייקענען פאר איינעם גרויס פירשטען , וויא אונזער אלטער

חכם



חכם (שלמה) האט געזאגט «קסם על שפתי מלך וגו׳ מזרה בעיניו כל רע» דאס הייסט וויא איין צויבער קראפט ליגט אויף דיא ליפען פון איין קיניג , אונ ריכטעט נימאלס פאלש , ווען דער קיניג זיצט אויף זיין ריכטער שטול דאן איזט אויסגעבריידעט פאר אים דאס אונרעכט אין גאנצען , בפרט נאך דאס דער דעמסקע וואר בערופען שוין פון אלטע דאטען פאר איין באנעט (דאס הייסט רוצח) , ער האט שוין פילע פון זיינע בויערען אונ אויך אנדערע פארשמיסען אויף טויט :

אונ ביא אלעם דעם האט עס ראדזעוויל איבער גיגעבין צוא דעם טרובינאל (בלוט געריכט) , הערען וואס זייא וועלען דאריבער זאגין , דער טרובינאל האט זיך דאריבער אזו ערקלערט «עס איז וואר דאס יעדער מענטש האט דאס רעכט זיך צו ראטירין דורך דאס לעבין פון דעם וואס וויל אים מארדען , וויא אונזערע חכמים זאגין «הבא להרגך השכם והרגו» דער וואס וויל דיך מארדען , ערמארדע דוא אים פריהער , נור דאס איז גירעט ביא אזויאפאל וואס מען קען זיך ניט אנדערס רעטען וויא נור דורך דעם מערדערס טויט , דיזער שלום אבער וואס איז אזוי אגבר דאס ער האט גיקענט אזוי אשטארקען מענטשען צו דריקין מיט איינער קניא ארויס רייסען ביא אים אלע ציינער , האט ער דאך פשיטא דפשיטא אים גיקענט בינדען מיט זיינעם אגארטעל אונ לאזין אים ליגין , אונ אנמעלדען עס אין דער פאליציייא, דארף ער געשטראפט ווערין וויא איין מערדער» :

ראדזעוויל אבער האט דער ביא איינגעווענדעט אונ גיזאגט «ביא אלעם דעם קענען מיר ניט מיט דעם טויט בעשטראפין אזוי איינעם וואס ער האט ערמארדעט איינעם מערדער וואס האט גיוואלט אזוי גאר איינעם אנדערען מארדען , בפרט נאך וואס האט גיוואלט אים זעלבסט מארדען , אונ צווייטענס ווארום האט איר ניט גימשפט דעם דעמסקען אויך דער פאר וואס ער האט גישאסין אויף אים , אונ דער צוא נאך האט , דאך דער

שלום

שלום אים נאך ניט גימארדעט, ער האט אים דאך נור די ציינער אויס געריסען«:

ביי אלעם דעם, ווייל די ביידע פארטייען (צדדים) ווארען דאך, העכסט אונגלייך, דער שלום איזט דאך נור איין יגרע אונ דער דעמבקע איז דאך איין פוילישער אדעל, האט גלאט ניט גיפאסט דאס מען זאל דעם שלום גאר ריין שפרעכען, דער צוא נאך האט זיך דעם ראדזעווילען גיוואלט צו שטעלען די שטערקע (שטארקייט) פון דעם שלום אויף די פראבע אונ האבין נאך אשפאס אויך דער ביי, האט ער ענטשיידען (גיפסקעט) דאס מען זאל לאזען דעם שלומען זיך ראנגלען מיט איינעם פון ויינע דזיקע בערען, בפרט נאך דאס מען האט אים דער ציילט דאס דער שלום איז ווירקליך אגרויסער העלד, ער האט אים גילאזט ברייגען צו זיך אונ האט צו אים גיזאגט אזוי, »זייא וויסען דאס דער טריבונאל האט דיך פאר משפט צום טויט נור איך האב דיין דעקרעט פיל ערלייכטערט אונ גיב דיר די ברירה ענטפער צו טויפען זיך, אונ דאן ווערסט דו באלד איין שלאכציץ וויא די גיזעצע איז ביי אונז פוילען פון לאנג אן, אדער דוא זאלסט זיך ראנגלען מיט איינעם פון מיינע דזיקע בערען«. מיין גרויס פאטער אבער האט אים דארויף גיענטפערט באלד אונגיך, »אונזערע היילינע ביבעל וויא אויך קליין זייא איז האט אין זיך גענוג ביישפילע פאר יעדען צו פאל, אונ אזוי אויך פאר מיין איצטיגען פאל, מיר גיפינען אין איר דאס איין געוויסער דניאל האט זיך גילאזט צו ליב זיינער פרומקייט נור אריין ווארפען אין איין לייבען גרוב, פשיטא דאס איך דארף עס טאן פאר דעם עיקר פון מיין גלויבין, אונ צווייטענס וויא די ווארהייט צוא זאגען, זייגען מיר אידען שוין געוואוינט זיך צו ראנגלען מיט פיל רייסענדערע טהירען אלס מיט איין בער אונזערע האלטען אונז נאך, איך מיין עס מיט אלע יודענפיינדע וואס גיפינען זיך אונטער אלע פעלקער פון דער וועלט, אונ

וועל



וועל מיך אזוי ראנגלען מיט דעם בער, אונ דער גאט וואס האט גיענטפערט דעם דניאל וועט מיך אויך ענטפערען:

## 4.

### »די בערענהעץ (ראנגלען זיך מיט דעם בערען)«

באלד דארויף וואר אין דער שטאט נ׳ אויס געבויט איין צירק (דאס הייסט ארום געבויט גיווארין אגרויסער פלאץ רונד אום מיט ברעטער אונ מיט בייגק וואס ווארען בעדעקט מיט רויטע גיוואנט) פאר דיזען אונגלייכען שטרייט אונ צוא גלייך העכסט בלוטיגען שטרייט וואס האט דער מאנט אן די אלטע רעמער צייט וואס מען פלעגט לאזין אין טעאטערען מענשען שטרייטען מיט ווילדע לייבען אונ מיט טיגערען*), עס ווארען גילאדען צוא דיזער האץ זייער פיל מאגנאטען, הערען אונ דאמען, מען איז צו זאמען גיפארין פון דרייסיג פערציג מייל, אונ עס וואר אין שטאט איין איזיאזד פון גרויסע פריצים דאס עס ווארען פערנומען אלע געסט הייזער, אונ אויך זייער פיל פריוואט הייזער, לבד דעם וואס דער שלאס וואר פול אונ פאק פון קסאנזען אונ קסענזניצקעס, דאס צו זאמען פארען האט גידויערט מער אלס צוויא וואכען, דער גרויס פאטער מיינער איזט געזעסען פעסטונג אין דעם שפאדטורעם, אונ מען האט אים גיגעבין עסען

דאס

*) אזוי האט פאמפייעס גילאזט אין איינעם צירק דרייא הונדערט מענטשען זיך ראנגלען מיט לייבען, מיט טיגערען אונ מיט בערען, טיטוס וואס וואר בעריהמט אין דער געשיכטע פאר דעם בעסטען מענטשען, האט אונזערע אידעשע גיפאנגענע צוואנציג טויזענד יונגע לייט אויסגעבראכט אויף זיינער רייזע צוריק פון ירושלים קיין רוים אין אזעלכע בארבארישע שטרייטונגען מיט ווילדע טהירען, אונ דארויף האט געקלאגט

דער

דאס שענסט אונ דאס בעסט אויף דעם פירשטענס רעכענונג , אונ ער וואר קיין נאר אונ האט ניגעסען מיט גרויס אפעטיט , אונ וואר גאנץ אונבעקימערט , דען ערסטענס האט ער זיך פארזיכערט אויף גאט , אונ צווייטענס וואר ער מעהר אלס געוויס דאס ער וועט דעם בער מנצח זיין , ביא אלעם דעם האט ער אלע טאג גיזאגט וידוי , אונ האט גימאכט אצוואה , אונטער אידען וואר דיא גאנצע צייט טרויער איבער טרויער , אונ עס וואר דער פן גישפראכען אין דיא שולען , אין דיא קלויזען , אונ אין יעדער שטוב , אמייל האבין אים גיהאלטען פאר פארלארין אמייל וואס האבין אים גוט גיקאנט וואס פאר אגבר ער איזט וואר'ען געווים דאס ער וועט דעם בערען מנצח זיין :

אפאר טעג פאר דיזעם שרעקליכען שטרייט , האט דער קשאנז גילאזט אריין ברייגנען אין שטאט איינינע הונדערט מאן וועלנער אונ מען האט פון איינאנדער גישטעלט וואבען אין אלע גאסען , מיט אמאג פריהער האט מען אריין גישיקט דעם רב צו סיינעם גרויס פאטער אין טורעם , אונ ער האט אים גיבענצט דאס גאט זאל אים זיין צו הילף , אונ האט אים איין געגלאסען מוטה , אונ ער ווידער האט פארקערט גילאזט דורך אים גערסין דעם אידעשען עולם אונ גילאזט זייא זאגין דאס זייא זאלין צוואר גאט בעטען פאר אים דאך זאלען זייא זיין גאנץ אונבעזארגט , ער איז ביא זיך זיכער דאס גאט וועט מיט אים וואונדער מאן , אונ וועט דעם בערען אזוי לייבט בעצווינגען וויא דעם רעמסקען :

אין

דער מקונן : «ראה ה׳ והביטה כי הגדיל אויב» דאס הייסט מען האט נאך דעם פיינט פאר איין גרויסען מאן גימאכט , מען קען נאך זאגין אויף אים דאס ער וואר אדרויסער מאן אנוטער מענטש :



אין דעם פריא מארגען פון דעם טאג וואס מען האט אים געדארפט שוין פיהרען אין צירק וואר ביא אים איין פריסטער אונ האט זיך נעפרובירט צוא בערייזען אים צוא דער טויפע , אונ אלס ער האט עס אוים געשלאגען (ניט אן געגומען) האט אים דיא וואכע גאנץ שטילער הייט אפ געפיהרט צום צירק . דארט האט מען אים אריין געפירט אין אשטוב וואס וואר דר ביא . מען האט אים ארום געוואשען . אונ מען האט אים זיך געלאזט אן טאן אוויייסע העמד . ווייסע הויזען . אפאר נייע שטיוועל , איארמעלקע , איין ארבע כנפות , מען האט אים געגעבען אגוטען שנאפס וואס צוא בייסען . ער האט בעקומען מוט אונ האט מיט אונגעדולד ערווארטעט דיא מינוט וואס מען זאל אים שוין אריין פיהרען אין צירק . אונ דיזעם איז געשעהען מיט דעם שלאג עלף דעם זייגער , ביא זייגעם אריין טרעטען האבען אים אלע צוא געוואונצען «זייט צעגעסטוטא» דאס הייסט בצתון , אונ ביא אלעם דעם איז ער אין דעם ערסטען אויגענבליק געווארען וויא צוא מישט דער זעהענדיג אזו אגרויסען פובליקום פון גרויסע הערשאפטען אונ דאמען זיצען אין קרייז , דער צוא נאך דעם מחותן דעם בערען פון אמשוגענער גרויס אן געבונדען אן אדיקען שלום פון אנדערהאלבען מאן דיא הייך וואס וואר פעסט איין געגראבען אן אזייט , דאך באלד אבער האט ער ווידער דעם פארינגען מוטה בעקומען , האט זיך פאר אלעמען פאר נייגט , אונ בעדאנקט זייא פאר דעם פריינדליכען גערוס , אונ באלד דארויף האט מען דעם בערען לויז געלאזען .

דער גרויס פאטער מייגער איז געבליבען שטיין אויף זיין ארט אונ דער בער האט זיך געשטעלט אויף זיינע ביידע הינטערסטע פים אונ האט אן געהייבען צוא גיין פראסטע צוא אים , אונ אלס ער וואר שוין ניט ווייט פון אים האט מיין גרויס פאטער אן געהייבען צוא לייפען ארום צירק וויא אפייל פון בויגען אונ דער בער נאך אים , ניט אבער שטייענדיק נור קייקלענדיג זיך וויא ארעד אדער בעסער צוא זאגען וויא אקוגעל ,

דען ער האט אריין געלייגט דעם קאפ צווישען די הינטערשטע פיס און האט זיך געקייקעלט וויא א באל אויף איין בילארד, און דאך האט ער אים ניט געקענט אן יאגען. ווייל דער גרונט פון דעם צירקוס וואר העכסט שטויביג, דער צו נאך אויס געשאטען מיט זאמד, און עס איז געווארען דורך דעם אזו אבול, דאס האט אויס געזעהען וויא א זאווערוכע דאס דער גאנצער פובליקום האט שוין ניט געקענט זעהען וואס דארט טוט זיך. דער בער וואר דורך דעם וויא געבלענדעט, און האט זיך געמוזט אלע ווייל אפ שטעלען. אום אפ צוא שארען מיט די לאפעס דעם שטויב פון זיינע אויגען, און דורך דעם האט שוין מיין גרויס פאטער געוואונען גענוג צייט צוא קומען אים פון הינטען, און איז אים ארויף געשפרונגען אויף זיין קארק, און האט אים ארום געקלאמערט זיין קורצען האלדז מיט זיינע ביידע ארעמס וויא מיט אייזערנע רעכוועס ביז צום ערשטיקען דאס ער האט ארויס געשטעקט די צונגע, און האט אונטער זיינע הענדע געעכצט וויא איין גרויסער מויער וואס האלט ביי דעם איין פאלען. ביי דיזער שרעקליכער שצענע האט זיך דער שטויב געלייגט (אויפגעהערט) און דער גאנצער פובליקום וואס האט עס שוין געקענט רעכט זעהען האבען זיך צוא פאצט די הענד פאצענדיק בראווע, נור דער מיט האט זיך דיזע בלוטיגע שצענע ניט געענדעט, דען דער בער האט זיך באלד אויף געהייבען פון דער ערד אויף די הינטערשטע פיס, און מיט די פארדערשטע לאפע האט ער אים אן געהייבען צוא רייסען די הענט, מיין גרויס פאטער איז געווארען פאר בלוטיגט, און האט אים באלד איין געלאזען און האט א שפרונג געטאן צוא דעם שלופ וואס עס וואר פריער דער בער אן געבונדען אין אים, דען ער וואר לעבען אים הינטער דעם בערען, און דער בער טוט נאך אים, מיין גרויס פאטער האט זיך אפ געשטעלט הינטער דעם שלופ, און דער בער איז געגאנגען אויף די הינטערשטע פיס מיט אויס געשטרעקטע פארדער לאפעס אנטקעגען שלופ, קוים



אבער האט דער בער אויס געשטרעקט דיזע לאפעס ביידע פון ביידע זייטען שלופ, אום אן צוא גרייפען דעם גרויס פאטער וואס איז געשטאנען אויף יענער זייט שלופ וואס צום ווינקעל צוא האט ער מיט זיינע אייזערנע הענט אן געפאסט זייא ביידען און האט אים אן געהייבען צו ציהען צום שלופ מיט אזו איין קראפט דאס דער שלופ האט שיר זיין הערץ אויס געקוועטשט, און דער בער האט אן געהייבען צו ברומען מיט גרויס לארעם דאס עס האט געציטערט דער גאנצער צירק, מען האט ווידער געפאצט בראווע, און מען האט געמאכט צו דיזער בלוטיגע שצענע באלד איינע ענדע, דען מען האט אריין געשיקט די יעגער דאס מען זאל דעם בערען צו נעמען, עס וואר שוין אבער ניט וועמען צוא צו נעמען, דען די ביידע פארדערשטע לאפעס זיינען געווארען גאנץ צו דריקט, וויא פון א מיל ראד, און די ארעמס פון דעם בער גאנץ אויס געצויגען און אויס געלינקט.

עס וואר אים (מיינעם גרויס פאטער) צו געווארפען געלט פון יעדער שטול, יעדער מאגנאט האט אים בעלויבט, בערימט, און פערשפראכען צו בעשיינקען אים זייער גוט, דער קאנז האט אים געלאזט צוא פיהרען צו זיך און האט אים הערצליך געדאנקט פאר דיעם פאר געניגען וואס ער האט אים פאר שאפט. און האט אים אן גערופען מיט דעם נאמען „שמשון הגבור פון דער נייערע צייט". און האט געלאזט ברייגגען פאר אים איינע כשרה בוטעלע ווין, און ער האט עס אויס געטרונקען דוחאס פאר אים אין די אויגען. זיין הויף דאקטער האט אים ארום געוועהן זיינע וואונדען און האט זייא זייער לייכט אויס געקורירט, און דער קאנז האט אים בעשאנקען מיט טויזענד גילדען, און האט געלאזט אויס בויען פאר אים א קרעצמע וואס זאל געהערען צוא אים לדורי דורות, און האט איר א נאמען געגעבען און אזוי אויך אים מיט דעם נאמען „ניעדזוועדז", ער האט אים געשיינקט דער צוא א וולאקע ערד, און די איבעריגע מאגנאטען האבען בעשאנקען, דער מיט א פערד, דער מיט א בהמה און מיט שעפסען, אנדערע מיט